STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
NO. 10898

MIT LAYB UN LEBN : LIDER UN BALADN

Kehos Kliger

THE MAX PALEVSKY
YIDDISH LITERATURE COLLECTION

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS
413 256-4900 | YIDDISH@BIKHER.ORG
WWW.YIDDISHBOOKCENTER.ORG

•

MAJOR FUNDING FOR THE
STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
WAS PROVIDED BY:

Lloyd E. Cotsen Trust
Arie & Ida Crown Memorial
The Seymour Grubman Family
David and Barbara B. Hirschhorn Foundation
Max Palevsky
Robert Price
Righteous Persons Foundation
Leif D. Rosenblatt
Sarah and Ben Torchinsky
Harry and Jeanette Weinberg Foundation
AND MEMBERS AND FRIENDS OF THE
National Yiddish Book Center

•

The *goldene pave*, or golden peacock, is a traditional symbol of Yiddish creativity. The inspiration for our colophon comes from a design by the noted artist Yechiel Hadani of Jerusalem, Israel.

The National Yiddish Book Center respects the copyright and intellectual property rights in our books. To the best of our knowledge, this title is either in the public domain or it is an orphan work for which no current copyright holder can be identified. If you hold an active copyright to this work – or if you know who does – please contact us by phone at 413-256-4900 x153, or by email at digitallibrary@bikher.org

קעהאָס קליגער

מיט לייב און לעבן

דערשינען פון זעלבן מעכאבער:

„געזאַנג אַף דער ערד" (לידער און באַלאַדן), 1941

קעהאָס קליגער

מיט לייב און לעבן

(לידער און באַלאַדן)

★

אַרויסגעגעבן פון מעכאַבער

בוענאָס איירעס
1943

הילע און צייכענונג פון
אַנטאָניאָ בערני

Copyright 1943
by Kehos Kliger
Printed in Argentine

MIT LAIB UN LEBN
(Poemas y Baladas)
por KEHOS KLIGER
Buenos Aires, 1943

A. BERNI
1942

מײַן װאונדערלעכער דאָר

דאָס טרויעריקע ליד פון מיין מאַמען

מיין מאַמעס טרויער ברענט אין צווי גראָשענע שאַבעס-ליכט
און אין די וואָכעדיקע קנייטשן פון איר פרומען געזיכט.

דורך בלויער שויב שרעקט דער שאַבעס אין שוואַרצן קלייד
און די רו איז פול מיט פּאַכעד, מיט דערוואָרגענע רייד.

פון דער וואַנט בלייכט אַראָפּ רעב איצכאָק עלכאָנענס גרויע באָרד,
זיינע אויגן בלאָנדזשען אָפּ די שויבן — און שוידער פון מאָרד.

זיינע אויגן הענגען אָפּ די אָנגעצונדענע שאַבעס-ליכט צוויי,
וואָס זאַפּן איין דעם טיפן טרויער פון מיין מאַמעס שווייגנדיק געשריי;

זיי זאַפּן איין דעם טיפן טרויער פון מיין מאַמעס אַלט געביין,
פון אירע הענט — אַפן שאַבעס-טיש, — פאַרבראָכן אין געוויין.

געשפּענסטיק הוידען זיך אָפּ די ווענט די הייליקע צווי ליכט
און טאַנציקע מיט איימע אָפּ מיין מאַמעס פרום און שטיל געזיכט.

זיי טאַנצן אָן מיט ראַיוינעס וועגן דעם זון אָפּ פראָנטן וואו
און טרויעריקער ווערט איר איינזאַמע שאַבעס-קוידעש-רו.

דאָס אָרעמע ברויטל אַפן טיש, האַלב-באַלויכטן, אָפּגעדעקט, —
טוליעט זיך צום מעסער אין צאַפּל פון דרויסנדיקער שרעק.

פון קאָרבן־מינכע־סידער, אויסגעפּעצט פון טרערן און ווייז, —
פּלאַטערן די אויסיעס און די בלעטער קאַרטשען זיך איין.

מיט שפּיציקן שטילעט דראָט דער דרויסן דורך דער שויב
און די העפקער־טריט פון בלוט, פון גזיילע און פון רויב.

אַף שטרוי און שינדל־דאַך פלאַמט די רעציכע און דער האַס
און דער כורבן קלאַגט פון יעדן הויז און פון יעדער גאַס.

כורבן שוואַרצט אין שויב, קלאַפּט אין טיר פון מאַמעס פּיין,
אַף איר פּאָנעם טאַנצן די שאַבעס־ליכט מיט שאַטנדיקן שיין.

טאַנצן מיט ראַיוינעס אָן וועגן דער טאָכטער, וואָס איז אַוועק
אין איילעניש פאַרן סוינע מיטן רויטאַרמייער־וועג;

די טאָכטער — אין רויטן קרייץ — לעבט זי נאָך, צי גאָר
אין קאַלטן קייווער שטומען שוין אירע בליענדיקע יאָר?!

דער זון — אין שינעל און ביקס — אין סאָלדאַטישן שפּאַן, —
צי איז נאָך — גאַטעניו — זיין געביין אַף דער ערד פאַראַן?!

און די גראָשענע שאַבעס־ליכט שמעלצן זיך אַהין, אַהער, —
שמעלצט פון זיי אַראָפּ מיין מאַמעס צאַר, מיין מאַמעס טרער.

די ליכט — צוויי אומעטיקע איידעס אין שפּעטער שאַבעס־נאַכט,
בייגן זיך איבער ברויטלעך, אָן קידוש איבער זיי געמאַכט.

פונעם מעסער, מיט שאַרפן קלונג, צו די ליכט־פלעמלעך פאַרקוקט,
רינט אַליין מיין מאַמעס אַנגסט אין אייגן בלוט דערשטיקט.

אין אנגסט פאַלט אַף איר ברעם אַרויף אַ דרימל ווי אַ טרוים
פון פרייד און פריידן אַף דער ערד און פריידן אין איר היים.

זי זעט דעם שאַבעס פון אַמאָל מיט זיין שאַלווע אומעטום,
דעם געגרייטן טיש, וואָס העלט און בלאַנקט זמירעסדיק און פרום.

זי הערט דאָס קאָל פון קינדער אין זייער פריידיקן גערייד,
ריזלט זאַפט אין אירע גלידער און אַ שאַבעסדיקע פרייד.

איר דוכט: רעב איצכאָק עלכאָנענס אויגן זענען פול מיט שיין,
אַף זיין אַצוועסדיקן פּאָנעם — די פרייד פון קידוש-וויין;

אַז דאָס ליכט פון ווייטע אָוועס רוט אין איר מענוכעדיקן הויז,
אַז דאָס זאַט-בענטשנדיק געזאַנג די גאַנצע שטוב פולט אויס. — — —

אָבער אַף מיין מאַמעס כאַלעמדיקן קאָפּ און אַף איר געזיכט
פלעכטן זיך די שאָטנס שוין פון די שנויצנדיקע ליכט.

אין טונקלעניש הוידען זיך און וויגן זיך די טונקלע ווענט
און וויקלען אַף זיך, אויסגעצויגענע, מיין מאַמעס הענט.

מיין מאַמעס הענט — זיי טרינקען זיך און שווימען צוריק אַרויס,
ווי שנויצנדיקע פלעמלעך, וואָס העלן-אויף און גייען אויס.

זיי וויגן זיך אַפן זוים פון שאַבעס-טיש אין וואַכעדיקן פיין
און אַף שויבן זידט דאָס בלוט, ווי סוינעס זויפנדיקער וויין.

אַף שויבן קריצט שטילעטן - שפּיץ פון מאָרד און פון שרעק
און דער כורבן קלאָגט אַף שליאַכן, איבערן שטעטלדיקן וועג.

פאַרוויסטונג רויכערט זיך אַף טירן, און גליט פון אַש ארויס
אַף ווייטע ווערסטן וועג אַזוי, פון יעדער היים און הויז.

אין וואונדן קרעכצט די נאַכט, הילף און טרייסט איז ווייט —
און מאַמע פילט נאָך אַלץ אין טרוים איר שאַבעסדיקע פרייד.

די שנויצן פון די שאַבעס־ליכט טליען, לעשן שטיל זיך אויס
און מאַמע זעט נאָך אַלץ דאָס ליכט אין איר מענוכעדיקן הויז.

נאָר פון איר צעקנייטשטן פּנים יאָמערט אַנגסט און פּיין
און זיי אײלן מיטן כורבן גלייך אין דער ווייטער וועלט אריין.

1941

די באַלאַדע פון פינפהונדערט קעפ

נישט קיין יוני-הימל, נישט קיין זוניקע גאַס
איז זונטיק געהאַנגען אַף די הייזער פון יאַס;

נישט קיין פרילינג-טאָג, לויטער און צעבלאַט
האָט זונטיק באַגעגנט די רומעניש שטאָט.

יענער זונטיק איז אויפגעגאַנגען צונטער - רויט
אַף די אידישע שוועלן מיט רעציבע און טויט;

יענער זונטיק איז אויפגעגאַנגען שוואַרץ, ווי קרעפ
און מיט אומשולדיק בלוט פון פינפהונדערט קעפּ;

יענער זונטיק האָט געקלאַגט מיט געוויין און געשריי
פון טאַטעס, פון מאַמעס, פון קאַלע און פרוי;

יענער זונטיק האָט געהעשעט מיט נאַצי - האַס
איבער די שוצלאָזע אידן פון דער שטאָט יאַס;

יענער זונטיק האָט געגרוילט מיט ברוינעם טעראָר,
מיט שרויט און מיט בליי און מיט נאַצי-מאָרד;

יענעם זונטיק, אָן מישפּעט, הינטערן שטאָט פאַרשלעפּט,
האָבן קוילן דורכגעלעכערט פינפהונדערט קעפּ.

האָבן מאַשין־ביקסן געפּאַסקנט מיט הייסע שטעפּ,
האָבן ביקסן דורכגעבלייאיקט פינפהונדערט קעפּ.

פינפהונדערט קעפּ — שוואַרצע, בלאָנד, שאַטין
פון יונגע צוואַנציקיאָריקע אידישע זין.

פינפהונדערט קעפּ און זייער בלוט איז מיט זאַט
געלאָפן מיט יאָמער דורך די גאַסן פון שטאָט;

געלאָפן און געשריגן מיט צאָרן און מיט האַס, —
איז רויט געוואָרן די ערד, איז רויט געוואָרן יאַס.

האָט דאָס בלוט גערראָט, האָט דאָס בלוט געמאָנט
דאָס לעבן פאַר קעפּ — שוואַרץ און בלאָנד;

האָט דאָס בלוט געטיינעט מיט פּיין און מיט צאַר:
— „וועסט צאָלן, רומעניע, דעם געדעכטיקן סכאַר!"

האָט דאָס בלוט געזאָטן ביזן לעצטן טראָפּ:
— „וועסט צאָלן, רומעניע, מיטן פרייז פון דיין קאָפּ!"

און דער יוני־פאַרנאַכט, ווי אַ גלוטיקע שווערד,
איז געהאָנגען מיט שטראָף אָף רומענישער ערד.

מיט שטראָף, מיט קלאָלע, מיט בראָך און מיט בראַנד
האָט הויך זיך געהויבן אַ פויסטיקע האַנט.

אָפן צעגליטן האָריזאָנט פון בלוט און געוויין
האָט זיך געשניטן אַ האַנט פאַרן טאַליענס געביין.

און דער לעוואַנע־סערפּ פון דער יוניקער נאַכט,
ווי אַ טרויעריקער איידעם האָט געצוקט און געוואַכט

איבער שאָטנס פון מאַמעס — אַז ווײ און אַז ווינד, —
וואָס גראָבן דעם קיווער פאַר אייגענעם קינד;

איבער שאָטנס פון פרויען, מיט צער און פּיין,
דעם קיווער פאַרן מאַן, וואָס גראָבן אַליין;

איבער שאָטנס פון שוועסטער, מיט שלוכץ און כליפּ,
וואָס גראָבן פאַר אייגענע ברידער דעם גרוב;

איבער שאָטנס פון קאַלעס, אין טריבן קלאַג,
וואָס באַגראָבן דעם כאָסן ערעוו כאַסענע־טאָג.

דער לעוואַניקער סערפּ האָט מיט בלוטיקן בליק
די שאָטנס פון מאַמעס באַגלייט אַף צוריק;

די פרויען, די שוועסטער, די קאַלעס באַגלייט
צו שוועלן פון טרויער, צו היימען פון לייד.

צו פאַרוואָגלטע היימען, געהילטע אין קרעפּ
איבער פינפהונדערט יונגע אידישע קעפּ. — —

נישט קיין יוני־הימל, נישט קיין ליכטיקע גאַס
איז זונטיק אויפגעגאַנגען פאַר די אידן פון יאַס.

יענער זונטיק האָט געמאָנט מיט ליאַרעס און וואוט
פאַר פינפהונדערט קעפּ דאָס לעבן און בלוט.

1941

די באַלאַדע פון דער געשאָכטענער שטאָט

מיט גרויל אפן אוקריינישן רויכיקן טראַקט
לויפט דאָס געשפּענסט — די קרומקרייציקע האַק;

אַף שוועלן און טירן פון אידישן הויז
קלאַפּט דאָס געשפּענסט מיט בלוטיקער פויסט;

שטייגט דאָס געשפּענסט איבער אידישן פּיין,
אַף שטאָט — פאַרבליבן אַף העפקער אַליין.

אַף צעטראַמפּלטן פעלד און הארבסטיקן שליאַך,
ליגן אין וואונדן נאָך ברידער אַסאַך;

ווי צוימיקע סנאָפּעס — געשניטן מיט שווערד,
פאַר אייגענער שטאָט, פאַר אייגענער ערד;

ליגט נאָך אַ ברודער אין כאַרכל פון טויט,
צעלעכערט פון סוינעס פייער און שרויט;

ליגט נאָך אַ ברודער — אַ אידישער העלד
אַף זיין אייגן־צעטראָטענעם ווייצנפעלד;

ליגט נאָך אַ ברודער אין וואונדיקן בראַנד,
מיט בלוטיקן גרוס פאַר זיין גרויסן לאַנד;

ליגט נאָך אַ ברודער, נאָך איינער — אַסאַך
און אַף כורוועס פון שטאָט, דורך רויכיקן שליאַך, —

איילם די קרומקרייציקע האָק אַלץ פאַרוים
צו אידישע טירן, אַף אידישן הויז;

אַף אידישע שוועלן, אַף אידישע טרעפּ,
וואָס זענען פאַרבליבן אין שרויטיקן שטעפּ;

אַף אידישע הימען — אַף פיצלעך צעווייגט,
וואָס זענען פאַרבליבן אין לויער פון פיינט;

אַף אידישע זקיינים — באַיאָרט און פאַרגרויט,
וואָס זענען פאַרבליבן אַף בראָט פונעם טויט;

אַף אידישע מאַמעס — ווי ווערבעס אין ווינט, —
אין גרויליקן אַנגסט פאַר זיך און פאַר קינד;

פאַר שרעק אינעם לייב, ווי פלאַמיקער בראַנד,
פאַר אייגענער בושע און פאַר טעכטערס שאַנד:

פאַר שאַנד, אַזאַ שאַנד, ווי מעסט מען זי אויס,
וואָס שרייט פון צעזאַטענעם בלוט אַרויס;

שאַנד, אַזאַ שאַנד, אַ, ווי קלאָגט מען זי אויס —
און קרומקרייציקע האָק אַף אידישן הויז

פאַלט מיט דער ווילדסטער רעציכע אַרויף
אַף קינד און זקן — ווי שוצלאָזע שאָף;

אַף אידישע מאַמעס, אין נאַקעטער שאַנד,
ווי געקוילעטע קי אונטער כאַלאַפּישער האַנט;

אַף אידישע טעכטער — פון קליין און ביז ג'ויס,
מיט פאַרשעמטן לייב און געשענדטער שויס;

מיט געשענדטן לייב און דורך ביקסן צעשטעפּט —
אַף אידישע שוועלן, אַף אידישע טרעפּ.

און פונהינטן, פאָרויס — דער רויכיקער שליאַך,
וואָס האָט דעם סוינע, דעם ברוינעם געבראַכט, —

קנוילט זיך אין פייער און קאַרטשעט זיך איין
פון אידישן בלוט און פון אידישן פּיין;

פון מאָרד און פון שאַנד — אַ בלוטיקע פאַן,
איבער די קעפּ פונעם ראַשע־טעוטאָן;

איבער געשאַכטענער שטאָט און פאַרשעמטער ערד
דורך דער קרומקרייציקער האַק און שווערד.

און אַף שליאַכן, צעווייקט מיט מאָרד און בלוט,
שפּראָצן־אויף רויזן, ווי פלאַמיקער גלוט;

רויזן פון צאָרן ביז אין די הימלען אריין,
פון אידישן אַנגסט, פון מאַטער און פּיין.

איבער צעטראָמפּלטע פעלדער הויבן זיך אויף
פינפשפּיציקע רויזן פון האַס און פון שטראָף.

1941

די באַלאַדע פון פינף טליעס

אונטערן פאַרטאָגיקן הימל, אף טשעכישן שליאַך,
הוידען זיך שוואַרצע טליעס אַ סאַך.

אף כמאַריקע הימלען, סומנע ווי קרעפּ,
הוידען זיך פינף פאַרלאָשענע קעפּ.

הוידען זיך גופים — האַרט און שטייף
אין פעטליע־קנופּ, אין פאַרצויגענעם שלייף.

דער האַרבסטיקער ווינט אין טשעכישן ברין
וויגט די טליעס אַהער און אַהין;

וויגט די גופים פון פינף אידישע זין,
דערוואָרגן אין שטריק אין גרויען באַגין.

דער האַרבסטיקער ווינט — געוואָי און געוויין,
וויגט די גופים ביזן הימל אַריין.

ער צעוויגט די טליעס אַפן וויסטן וועג,
ווי גלעקער פון גרויל, גלעקער פון שרעק;

ווי גלעקער פון טויט, פון ווייטיק און פיין —
ביז אין די אומעטיקע הימלען אַריין;

ווי שוואַרצע גלעקער פון גרויל — אַ סאַך
אַף שטילן, אַף שטומען צעטראַמפּלטן שליאַך.

און שליאַך הויבט זיך אויף, לויפט מיט געשריי
אין שטאָט אַוועק, צו ברידער אין וויי;

צו ברידער אין מאַטער הינטער געטאָ-ווענט,
מיט דערשטיקטע רייד און פאַרבראָכענע הענט;

מיט פאַרבראָכענע הענט און אויגן — שרעק,
פון צעפּייניקטע נעכט און גרויליקע טעג;

מיט בלוטן — פאַרקילט, מיט האַרץ — פאַרקלעמט,
מיט לייב און לעבן — געשענדט און פאַרשעמט.

און ער לויפט, דער שליאַך, ביזן שטאָט אַריין,
ביז דער געטאָ-מויער, צו ברידער אין פּיין;

און ס'לויפט דער ווינט, מיט אים — דער באַגין,
צו ברידער פאַרשפּאַרט אין טשעכישן ברין:

— „פאַר וועמען דערציילן, — ליאַרעמט דער שליאַך,
וועגן אידישע זין אַף טליעס אַ סאַך?״

— „פאַר וועמען דערציילן, — יאָמערט דער ווינט,
וועגן פאַרלאָשענע קעפּ אַף טליעס אַצינד?״

— „פאַר וועמען דערציילן, — וויינט דער פאַרטאָג,
וועגן טליעס פינף — פינף שטיקער קלאָג?״

— „פאַר וועמען דערציילן, פאַר וועמען, אָ, זאָגט, —
לויפט דער ווינט, דער שליאַך, דער פאַרטאָג;

און ס'לויפן די כמאַרעס, ווי אַ שוואַרצער האַמוין,
מיט טיף־אויפגעריסענעם מענטשלעך געוויין;

זיי לויפן אין בעהאָלע איבער כאַרעווער ערד
אונטער סוינעס בלוטיקער קרומקרייציקער שווערד;

זיי לויפן אין מעהומע, פאַרצאַרנט און טריב,
ווי מאַמעס אין בראָך, מיט ביטערן כליפּ;

— „ווער וועט באַצאָלן, — זיי פרעגן אין לויף,
פאַר אידישע קעפּ, דערוואָרגן אין שלייף?"

— „ווער וועט באַצאָלן פאַר טליעס אַ סאָך
אויף פאַרשעמטער ערד פון טשעכישן שליאָך?"

— „ווער וועט באַצאָלן" — און מיט שלוכציק געוויין
לויפן די כמאַרעס, ווי שוואַרצער האַמוין.

און ווען דער שליאָך, דער ווינט קערן צוריק
צו שוואַרצע טליעס, צו פּעטליע און שטריק, —

כליפּען די כמאַרעס — דער שוואַרצער האַמוין,
ווי טאַטעס — אַווײלים, מיט טרער און געוויין;

און האַרבסטיקער ווינט אין טשעכישן ברין,
וויגט ווידער די טליעס אַהער און אַהין;

וויגט ווידער די גופים, ווי גלעקער פון פּיין
ביז אין די אומעטיקע הימלען אַריין;

ער וויגט זייערע הענט — געבונדענע, בלוי
און רייסט מיט צאָרן די שטריק פון זיי;

ער רייסט מיט טיפן כליפּ נאָך כליפּ
פון זייערע פּים — אַ קנופּ נאָך אַ קנופּ;

די האַרטע שטריק רייסט ער און פליקט
און גלעט זייער האַלדז דערוואַרגן, דערשטיקט;

ער גלעט זייערע אויגן — אָפן און טויט
אין פרי־אויפגעגאַנגענעם מאָרגן־רויט.

און דורך די כמאַרעס — דעם רויטן האַמוין,
בליצט־אויף די זון, ווי אַ בלוטיקע קרוין;

ווי אַ בלוטיקע קרוין, ווי אַ רויטער פלאַם,
דורך כמאַרעס — אַ רויט־צעוויגטער יאַם;

די רויטקייט שלאָגט־אָן ארויף, אַלץ ארויף
אָף הויכע טליעס, אָף שטריקענעם שלייף;

די רויטקייט ציט־אָן ארויף, אַלץ ארויף
אָף טויטע גופים — פאַרגליווערט און שטייף.

און צונטער־רויט, ווי פאַקלען צעברענט,
גייען־אויף אויפגעבונדענע פינף פּאָר הענט;

גייען־אויף איבער טליעס אָף ערד פון פּיין,
איבער געצונדענע כמאַרעס אין פלאַמיקן שיין.

און פינף פּאָר הענט און נאָך אַ סאַך, אַ סאַך, —
פלאַטערן, ווי פענער איבער טשעכישן שליאַך.

1941

די באַלאַדע פון רויטן שניי

מיט געלאָדענע ביקסן לויערט די נאַכט,
נאָר דאָס מיידל זאָיאַ שאַרט זיך און טראַכט:

„מיין דאָרף איז מיט דערפער אין וואלד אוועק,
שטייען פאַרלאָשן די כאַטעס באַם וועג;

די שטאַלן, די קלוניעס — ליידיק און לער,
פאַרנומען האָט סוינע די קי און די פערד;

צערויבט האָט דער סוינע די דאָרפישע זעט
און אויך די רו פון אייגענעם בעט;

נישט זיין וועט דאָס יאָר קיין אַקער, פאַרזיי — — — —
און זאָיאָס שאָטן קריכט אַלץ אָפן שניי;

פויזעט און שאַרט זיך מיט אַ פלאַש גאַזאָלין:
„זאָל ווימען דער סוינע, אַז סאָוועטישע זין,

אַז סאָוועטישע טעכטער לויערן אַף אים
מיט כורבן און טויט אין די וועלדער אַרום;

אַז הייליק פאַרשוואוירן האָט גרויס און קליין
צו שניידן ווי זאַנגען זיין הינטיש געביין — — —

און זײַ קריכט װײַטער אַף די הענט, די קני,
מיט אױגן — צװײ װעלף, אין האַסיקן גלי.

נאָך אַ קאַנאַװע, אַ שפּאַן דרײַ און פיר
און זי צינדט די שטראָף אַף סױנעס קװאַרטיר;

נאָך אַ ראַװ, אַ שפּאַן, נאָך צװײ שױן בלױז
און ס'פּלאַמט אין פײַער דעם סױנעס הױז;

נאָך אַ שפּאַן — און ס'האָט פאַראַטן די נאַכט
דעם מײדלס שאָטן פאַר דער לעצטער װאַך;

אַף איר אַקסל פּאַלט אַ האַנט מיט גװאַלד
אינמיטן דער שליכעס פון ברידער אין װאַלד.

און געלאָדענע ביקסן, פּאַרױס, הינטער איר,
האָבן זײַאָן געבראַכט אין הױפּט-קװאַרטיר.

— „װער האָט דיך, מײדל, געשיקט אַהער?" —
בליצט-אױף דאָס מאַנאַקל פון אָפיצער;

— און די פּלאַש גאַזאָלין גענומען האָסט װאו,
„צו צינדן דאָס הױז פון אונדזער רו?"

— „נו, ענטפער, — צימערט זײַן קרײַץ-מעדאַל, —
אָבער זײַ שװײַגט און שפּײַט אים מיט גאַל;

— „נו, ענטפער, — רײַסט זיך זײַן געמבע מיט קאַס, —
אָבער זײַ שװײַגט און שפּײַט אים מיט האַס;

— „נאַקעט זי אויסטון און אַרויס אויפן שניי, —
ברעכט זיך היסטעריש דעם אַפּיצערס געשריי;

— „און קיילט די קאַנאַליע, פון ריפּ ביז ריפּ — — — —
נאָר זאָיאַ שווייגט מיט פאַרביסענער ליפּ.

דאָס מיידל שווייגט אַזאַ שווייגן פול מוט
און דערפילט צווישן ציין דאָס זאַלץ פון איר בלוט;

ס'שטראָמט פון איר לייב דאָס וואַרעמע בלוט
אונטערן באַפעל פון פיניקערס קנוט;

דאָס וואַרעמע בלוט פון אירע אַכצן יאָר
טריפט רויט אין שניי, ווי סאָוועטישע וואָר.

— „נו, ענטפער, — רעוועט ווילד דער אָפיצער, —
ווער האָט דיך פון וואַלד געשיקט אַהער?"

— „און די פלאַש גאַזאָלין געגעבן האָט ווער", — — — —
נאָר זאָיאַ שווייגט און הערט גאָרנישט מער;

זי פילט בלויז די פיס אין שניטן פון וויי,
ווי ס'וואָלט געלאָפן אַ זעג איבער זיי;

זי פילט בלויז דעם קאָפּ, ער רייסט זיך אָפּ,
ער פלאַמט פון אירע יונגע אַקסל אַראָפּ;

זי צאַפּלט־אויף און פאַלט אויף די קני
און זינקט טיפער אין שניי, ווי רויטער גלי;

זי פלאַטערט־אויף אַף די הענט אירע צוויי
און קורטשעט זיך איין, ווי אַ רויטער קויל שניי.

און רונד אַרום איר, ווי מיט שאַכרים־שיין,
פאַרלויפט דער ווייטער שנייאיקער פליין.

ער פאַרלויפט איבער דערפער, אין וועלדער אַוועק,
אין לויער מיט שרויט, מיט ביקסן און העק.

אין לויער מיט שטראָף אַף שאַרף פון שווערד
אַף דער גאַנצער לענג פון סאָוועטישער ערד.

1942

די באַלאַדע וועגן הילצערנע צלאָמים

גליטשט זיך די לעוואָנע — אַן אָפּגעהאַקטער קאָפּ,
פֿון פֿראָסטיקן הימל אױפֿן שניי - פֿעלד אַראָפּ;

פֿאַלט די לעוואָנע אין טיף-בלוילעכן שניי,
אױפֿן בלוטיקן סליאַד פֿון סוינעם אַרמיי;

אױף ווינטער - סטעפּ ברייטן פֿון מיירעוו - פֿראָנט,
וואו דער פֿיינט ליגט צעשאָסן, שוואַרץ באַפּאָנט.

דאָס ברוינע וואָפֿן שאָטנט שוואַרץ-געהילט
און שטילט, ווי דאָס בלוט אין גליווער פֿאַרקילט.

ראַקעטן ווי שלאַנגען, מיט פֿייערדיקע קעפּ,
קנוילן זיך און קריכן אױף שנייאיקן סטעפּ.

נאָך פֿלאַמיקע פֿליגל, ווידער קאַנאָנען-קראַך
און שערענגעס באַיאָנעטן צעשניידן די נאַכט.

דורך פֿראָסטיק-פֿאַרקאָוועטן פֿיינטלעכן שליאַך
שטורעמט הילכיק די לעצטע אָנגריף-שלאַכט.

אין די בלוילעכע שנייען, פֿונעם הימל אַראָפּ
קייקלט זיך די לעוואָנע — אַ צעשאָסענער קאָפּ;

זי פאַלט אַף א פליין מיט קוואָרים פאַרזייט,
מיט הילצערנע צלאָמים — קרומע, פאַרשנייט.

קוואָרים און צלאָמים — ביזן הימל אריין, —
דער פינצטערער קרייץ פון טויט און פון פיין.

צלאָמים — ריי נאָך ריי — ווי אין זעלנער־שפּאַן:
אַדאָלף, קאַרל, אַלברעכט, פרידריך, יאָהאַן.

פון צלאָמים פאַלן שאָטנס — ריי נאָך אַ ריי,
שאָטנס — געשטאַלטן, גייען־אויף הינטער זיי.

גייען־אויף איבער קוואָרים — צעצויגן און לאַנג,
איבער אַ קאַנאַן־ראַד, אַ פאַרזונקענעם טאַנק.

גייען אויף אין דער בלויער פראַסטיקער נאַכט
מיט הענט, אויסגעשטרעקט אין יאָמער — אַסאַך.

אין די שאָטנס פון צלאָמים ברעכן זיך הענט
און ס'טריפט זייער קלאָג אַף שנייאיקן בלענד;

הענט פון גרויע מאַמעס מיט טרויער אין בליק
וועגן זין, וואָס קומען מער נישט אהיים צוריק;

הענט פון יונגע פרויען, מיט קינדער אין שויס,
וואָס בענקען אוים זייער מאַן פון טרערן ארויס;

הענט פון קאַלעס, מיט פאַרלאָשן גליק אַף זיי,
וויגן זיך, ווי שוואַרצע ליכט אַפן שניי;

הענט, וואָס קיינער וואַרט נישט אין עלנט אַף זיי,
שטיקן זיך הינטער צלאָמים אין טיפן געשריי.

די צלאָמים צעוויגן זיך און אין פינצטערן וויג
ברעכט אוים זייער קלאָלע קעגן וואָפן און קריג;

פראַלט־אויף זייער קלאָלע אין דערוואָרגענעם וואָרט
קעגן ברידער־בלוט און קעגן פעלקער־מאָרד.

און שערענגעם באַיאָנעטן — ריי נאָך א ריי,
צעשטעכן די נאַכט און דעם סוינעם אַרמיי.

דער הימל ווערט בלויער, ווערט טיפער און הויך
אונטערן לעצטן אַוויאָן — זיין פלאַם און רויך.

ווי א קאָפּ — פאַרלאָשן, אָפן וויסטן פעלד,
בלוטיקט די לעוואָנע — די וואונד פון דער וועלט;

זי לעשט זיך אָפן שטילן פראָסטיקן פליין,
וואָס גליווערט פאַרקאָוועט מיט צלאָמים־געוויין;

זי בלוטיקט און לעשט זיך, שוואַרצט זיך אין שניי,
ווי דער צאַר פון דער וועלט, איר בראַנדיקער וויי;

זי לעשט זיך ווי די נאַכט, ווי דער שטערן־שיין
אין בליאַסק פון פאַרטאָג איבערן ווייסן פליין;

אין ליכט פון מיזרעך, וואָס באַגינט און העלט,
ווי א העלע טרייסט צו דער וואונד פון דער וועלט.

צו די קוואָרים און צלאָמים טוליעט זיך צו
דאָס אייביקע ליכט פון פרידן און רו.

אָפן איבערגעדרייטן טאַנק, פאַרזונקענעם קאַנאָן,
פלאַטערט אויף די שיין פון א ווייסער פאָן.

1942

דאָס ליד צו כאַרקאָוו

אָ, כאַרקאָוו, בלאָנדער זאַנג פון אוקריינע,
דו, רוישיקע שטאָט פון אַרבעט און ברויט, —
ס׳וועלן זיך די פּאַרקן און מויערן דיינע
ווידער פאַרכלינען מיט פאָניקן רויט.

מיט פאָניקן פלאַטער פון פריידיקן יאָנטעוו
אַף זאַוואָדן פון אייזן, פון שטאָל און טשוהון,—
זיין וועסטו, כאַרקאָוו, אין דאָרעם פון פראָנטן
פאַר ברוינע אַרמייען דער רויטער וועדרון.

ס׳וועלן זיך די דראָטן צעזינגען אַף מיילן
איבער פעלדער און פליינען מיט זוניקן וואָרט;
זיי וועלן אין דערפער, קאָלכאָזן דערציילן
פון כאַרקאָווער מוט, פון כאַרקאָווער גלאָר.

דיינע אַזיערעם וועלן איילן כוואַליק-פאַרפינעט
מיט בסורע צום דניעפּער, צו וואָלגע, צום דאָן:
ס׳האָט דאָ דער סוינע דעם קייווער געפונען
אונטער זיין ביקס, זיין טאַנק און קאַנאָן.

אָ, כאַרקאָוו, שטאָט פון סערפּ און פון האַמער,
פון מוסקלען אין בראָנזיקן אימפּעט און האַסט, —
וועסט דערטרינקען אין בלוט, דערוואָרגן אין פלאַמען
דעם גערמאַנישן דאָרשט צום נאַפט פון קאַווקאַז.

װעסט ברעכן די האָרדע אין צװייען, אין דרייען,
װעסט ברעכן אין פירן איר שלאַנגיש געביין
מיט שרױטיקע שטעפּ פון מעטראַלישן פייער,
מיט שטאָלערנע שורעם באַגנעטישע ציין.

ס׳װעט בערגל אױף בערגל, װי פּולװער־גראַנאַטן,
זיך רייסן מיט טױט אונטער נאַצישע טריט;
דיין הימל װעט שיטן, װי צעזאַטענער קראַטער,
מיט קאָכיקן שפּליטער און מיט דינאַמיט.

ס׳װעט יעדער צװייג דאָ מיט שװערדישע שאַרפן
זיך גראָבן אין לייב פון פאַרשאָלטענעם פיינט; —
אָ, כאַרקאָװ, דעם כעשבן אַזױ װי מ׳דאַרף אים,
טימאָשענקאָ װעט שױן בלוטיק פאַרציען אַליין.

ביז ס׳װעלן זיך ביימלעך, װי הילצערנע צלאָמים
איבער האַקנקרייץ־העלמען פאַרבייגן אין שאַנד, —
אָ, כאַרקאָװ, װעסט זיין די שטראָף און נעקאָמע,
דער אָנהױב פון זיג פאַרן ראַטנפאַרבאַנד.

אָ, כאַרקאָװ, בלאַנדער סנאָפּ פון אוקריינע,
שטאָט פון פאַבריקן, פון אַרבעט און ברױט, —
ס׳װעלן זיך װידער צעװיגן די הייזער דיינע
מיט פאַניקן רױט פון פרידן און פרייד.

1942

אף בלאַנקענדיקע שינעס

לויף, וואָרט מיינס, ליד מיינס, אַף ווייטע בלאַנקענדיקע שינעס
אונטער בלויע הימלען, ווי ווייסע שטראַלנדיקע טויבן, —
איבער מעהומעדיקע טראַקטן, איבער בלוטיקע פייער־ליניעס
און טראָג אוועק אַהין מיין צעפלאַמטן זינגענדיקן גלויבן.

טראָג אוועק מיין בריענדיקן אָטעם אין געפּאַנצערטע טראַנשייען,
שלאָג דורך די הויכע שווערע ווענט פון שטאָל און אייזן
און זינג אַריין אין יעדן האַרץ פון יעדן בראַוון רויטאַרמייער,
אז ס׳וואָרט אין אַנגסט די גאַנצע ערד זיי זאָלן זי דערלייזן.

לויף, וואָרט מיינס, ליד מיינס, אַף ווייטע בלאַנקענדיקע שינעס
איבער די פאַרוויסטע דערפער, ווי שווארצע קוואָרים גאַנצע רייען,
און צעפלאַקער איבער כורוועס דעם אָנזאָג פון ליכטיקן באַגינען,
ווי אַ היילונג צו די וואונדן, צו די גזילן, צו די ווייען.

און טרעפסטו, ליד מיינס, דעם שטיוול פונעם בלוטיקן באַצווינגער,
באַגעגנסטו די מאַנסטער־ראַד פון סוינעס מאָרד־קלייזייען, —
לאָד־אוים אַף זיי מיין האַס, ווי די זשוואָווע קעמפערישע יונגען,
וואָס שפּרייזן זינגענדיק אין קאַמף זייער לעבן צו באַפרייען.

זאָג זיי, אז צוריק אויפשטיין וועט אַ פאָלק פון פלאַמען און רואינען,
מיט עלנבויגנס שטאָלערנע און מיט אַן אומגעצוימטן קויעך, —
אז ווידער וועט אַ פראַל טון דער הילך פון צעפלאַמערטע טורבינען
און אז פּילפּאַכיק וועט אַ שטייג־טון דער פאַרמעסט פון בויען.

לויף, וואָרט מיינס, ליד מיינס, אַף ווייטע בלאַנקענדיקע שינעס
און צעוויג איעדן בוים פון זיין פאַרטייעט-טיפן אומעט
און פאַרזיכער אים, אַז שוין מאָרגן וועט ער ווידער זיך צעגרינען
און אַז זיין פרוכט וועט אַ זיסע ווידער זיין צום גומען.

און יעדער בלעטל, יעדער גרעזל, די צעטראָטענע אַף שליאַכן,
וואָס וואַגלען-אום אין הייסן ווינט פון פייער און פון רויכן, —
צום שפּראָץ און צום ווידערבלי — זאָלסט זיי וועקן און דערוואַכן
און מיט מיין טרייסטנדיקן אָטעם זאָלסטו זיי באַהויכן.

לויף, וואָרט מיינס, ליד מיינס, אַף ווייטע בלאַנקענדיקע שינעס
הינטער רויט-צעקאַרבטע הימלען — ווי פייערדיקע טויבן
און זינג העל אריין אין יעדן האַרץ דעם פלאַמיקן באַגינען,
וואָס וועט אַ גאַנצע וועלט צו פרידן און צו פרייד דערהויבן.

1941

דאָס ליד פון מיין אידיש בלוט

מיין בלוט קלאָגט נישט מער מיט סטרונעס פון אַ האַרף
און בעטלט נישט באַם ראָשע כעסעד און גענאָד;
מיין בלוט וויל אויך נישט מער מעקאַדעש־זיין דעם שעם,
ווי מיינע בלייכע אָוועס אין פלאַם פון עשאַפאָט.

מיין בלוט, ווי זכאַריע האַנאַווים, — קאָכט און זידט
און שטילט נישט איין מעאַויעמדיק צעשריגן;
מיין בלוט איז אַנדערש פון די קרייצצוגן, פון ת״ח,
וואָס האָט אַף דער אַקיידע שטיל און פרום געשטיגן.

מיין בלוט שטרעקט נישט מער קעדושעדיק דעם האַלדז,
ווי די שאָף געבונדענע צום כאַלעף און צו שכיטע, —
כעשבן מאָנט אַצינד מיין בלוט, נעקאָמע און שטראָף
אין טעג, וואָס בלעטערן זיך מיט בלוטיקער געשיכטע.

דורך טעג — אַנגעטרונקענע מיט שוידער און מיט פיין
און מיט אַקסלען ביקסענע, אָן ניכנעדיקן גוירל, —
זינגט מיין בלוט דורך כורוועס פון לענדער און שטעט
דאָס ליד פון נייעם איד, פון די נייע דוירעס.

דורך דוירעס העראָישע מיט פאַרמאָסטענער פויסט
קעגן טאַליענס העק פון רישעס און רעציכע, —
מיין בלוט, אין ליאַרעס האַסיקן, און וואוטיקן לויף,
שרייבט אַרויף אַ ניי געבאָט אַף נייע לוכעס.

דאָס געבאָט פון בלוט פאַר בלוט און טויט פאַר טויט
וויגט זיך ווי געוויטער איבער אַלע שליאַכן
און יאָרן אויסגעצייטיקטע אין צאָרנדיקן פלאַם,
מיט שרויט און פלאַם קעגן הענקער זיי דערוואַכן.

ס'כוואַליעט אין אויפגעגרוילטן לייב פון מיין פאָלק
דער טיפער אַנגסט פון דוירעס-לאַנג צעשוויגן,
און באַגלייך מיט פעלקער קעגן סוינעס שווערד,
מיין בלוט פאַרמעסט זיך אויך צו קעמפן און צו זיגן.

אַף יעדן פראָנט, שטאַלץ-ברוסטיק, האַנט אין האַנט,
אין מוטיקן געשפאַן מיט צעזונגענע אַרמייען, —
הייליקט אויך מיין בלוט דעם יאַנטעוו אַף דער ערד
נאָך איר שוואַרצן בראָך, נאָך אירע ברוינע ווייען.

הייליקט אויך מיין בלוט דעם פרילינג פאַר דער וועלט
אין איר גאַנג פון טאַנק, פון מאַטער און פון מאַרטער;
דעם דערלייזנדיקן דראַנג פון פאַריאָכטן מענטש
אין זיין לעצטער שלאַכט, דער בייניקער און האַרטער.

הייליקט אויך מיין בלוט דעם לעצטן וויי און קרעכץ
פון מיינע גרויסע, גלאַז-באַהעלטע ברידער,
וואָס געצונדן האָבן פאַקלען אין מעהומעדיקע נעכט
פאַרן טאָג דעם אויפגעגאַנגענעם אין פרידן.

מיין בלוט וויל נישט מער מעקאַדעש-זיין דעם שעם
אין פלאַם פון עשאַפאָט, ווי מיינע ווייטע אָוועס, —
מיין בלוט מאָנט איצט כעשבן, נעקאָמע און שטראָף
און שווייגט נישט מער, ווי ס'בלוט פון זכאַריע האַנאָווי.

1942

מיין וואונדערלעכער דאָר

איך זאָג עס איצט און איך וועל עס זאָגן אייביק,
איך וועל עס זאָגן יעדן אַף מיינע זינגענדיקע טריט:
ווייל דאָס בלוט וואָס פליֶיצט אין מיר איז זוניק און גלייביק,
דערפאַר וועל איך דערגיין צום כאַלעם פון מיין ליד.

און דער כאַלעם פון מיין ליד איז דאָך אייער כאַלעם
און פּאַשעט, ווי דאָס ברויט פון אונדזער וואָכעדיקער וואָר, —
די וואָר, וואָס מיר האַמערן, מיר שמידן און מיר שטאָלן
אין גערא‌נגל פאַרן ליכטיקן און וואונדערלעכן דאָר;

אונדזער וואונדערלעכער דאָר פון דלאָטעס און פון האַמער,
פון מאַשינען, טורבינען, פון וואַרשטאַט און פאַבריק, —
דעם־אָ וואונדערלעכן דאָר וועט נישט קיינער קיינמאָל צאַמען
און זיין קרעפטיקן וואוקס, און זיין זאַפטיקן בליִ.

קיינער וועט די קנאָספּן זיינע קיינמאָל נישט פאַרדאַרבן,
נישט טפיסעס, נישט טליעס, נישט שרויט און נישט קיין שפּיז, —
ביז די בלויע הימלען גערייען זיינע אויסגערייפטע גאַרבן
און דאָס גורל זיינס איז זיס, ווי קאָרנברויט איז זיס.

דאָס גורל זיינס איז אויכעט זיס אפילו אַף די פראָנטן,
וואו ער זאַפטיקט אָן די ערד מיט זיין אייגן בלוט,
און שמייכלענדיק ער שפּרייזט אין קאַמף, צום בלוטיקן יאָנטעוו
און שלאָגט דעם סוינע זינגענדיק, מיט האַסטיקייט און מוט.

ער שטרעקט די ברוסט, שטרעקט דעם קאָפּ, האָפּערדיק אינגאַנצן
און איבער שטורעם וויגט ער זיך מיט גרויסנדיקן בליק, —
מיט איין האַנט קען ער פאַרניכטן, מיט דער צווייטער — פלאַנצן
און מיט ביידע בויט ער אויף זיין לעבן און זיין זיג.

אַ, מיין וואונדערלעכן דאָר פון האַמער, פון דלאַטעס און מאַשינען
וועט נישט קיינער קיינמאָל האַמעווען מיט אָוויאָן און טאַנק
אין זיין היימען בויענדיקן אימפּעט אַף כורוועס און רואינען,
צו פאַרזייען זאַטע פעלדער מיט גליק און מיט געזאַנג.

און צוריק אויפהויבן שטעט הינטערן בליאַסקענדיקן שטערן
פון פרייד און פון פרידן, פון סערפּ און פון זאַנג, —
אַז אַ וועלט זאָל טיף דערפילן, אַ וועלט זאָל ראַש דערהערן
דעם קויעך פון אַ דאָר אין זיין שאַפנדיקן גאַנג.

איך זאָג עס איצט און איך וועל עס זאָגן אייביק,
איך וועל עס טראָגן, ווי אַ פאַקל פאָרויס פאַר מיינע טריט:
דערפאַר וואָס דאָס בלוט מיינס איז מוטיק און גלייביק,
וועל איך דערלעבן דעם כאַלעס פון מיין פּאַשעט ליד.

1941

דורך רויִכיקן נעפּל

דורך רויִכיקן נעפּל, דורך כורוועס און רואינען,
דורך קראַכנדיקע מויערן און פלאַמענדיקע ווענט, —
כ׳רוף צו דיר, מענטש, אין פלאַקער פון באַגינען
און כ׳שטרעק אויס צו דיר צוויי ברודערלעכע הענט.

דורך פאַרלאָשענע טעג, דורך שטאַרבנדיקע נעכטנס,
דורך וועגן, דורך שליאַכן — פאַרזאָטענע אין בלוט, —
קום, לאָמיר זיך פאַרקנופּן, קום, לאָמיר זיך פאַרפלעכטן
און אויסמישן ווי וויין אונדזער ביידנס בלוט.

כ׳רוף צו דיר, מענטש, ברודער מיינער, כאַוועֶר,
קום וואָרהאַפטיק ווי איך מיט קלאָרן וואָרט אין מויל;
וואַש־אָפּ דיין גוף פון שימל, רייניק אים פון זשאַווער
און שטעל זיך גלייך מיט מיר אַנטקעגן יעדן גרויל.

אָף אונדזער קאָפּ די וועלט — אַ ברענענדיקע כמאַרע,
מיט אָפּגרונטן און מיט טעהומס שוואַרצט זיך יעדער וועג;
לאָמיר ביינקן די הענט מיט פינגער קנאָכיק־דאַרע
און וואַרגן יעדן שוידער און וואַרגן יעדע שרעק.

דורך איימעדיקע נעכט, דורך פינצטערע מיט לויער,
אין האַמוינישן טראַט, אין מאַכנעדיקן גאַנג, —
לאָמיר גרייטן אונדזער לייב צו פּרואוו און צו ניסאָיען
מיט ליכטיקער ליד און מיט ברודערלעך געזאַנג.

ס׳איז קאָכעדיק-היים דער נעגל-צייניקער געראַנגל
פאַר מענטשלעכער ליבשאַפט, פאַר דוירעסדיקער פרייד;
פאַר דעם, וואָס איז זיין וועג מיט מאַרטער דורכגעגאַנגען,
איז טאָמיד גרייט דער קראַנץ מיט בליענדיקער קווייט.

קום, ווי איך מיט קראַפטיקע, מיט האַרטע שטייפע קניעס
און אָפן טראָג דיין פּאָנעם קעגן פייערדיקן ווינט,
וואָס קרעלט מיט הייסן פונק, מיט פלאַמיקע רעצועס,
ביז בלוט, ברודער מיינער, ביז וואַרעם בלוט ס׳רינט. — —
— — — — — — — — — — — — — — —

כ׳רוף צו דיר, מענטש, כ׳רוף דיך, כאַוועך מיינער, ברודער,
דורך ברוכשטיקער פון יאָרן מוטיק זיך דערהויב;
אַ וועלט צאַנקט-אוים אין וואונדן, א וועלט אַ נייע ווידער
גייט-אויף פון די כורוועס, פון גליענדיקן שטויב.

1938

מיט ליב און לעבן

כאָטש דאָס לעבן מיינס איז פול מיט לויער און ניסאָיען
און ס'וויקלט זיך מיין וועלט אין אַ פינצטערן געוועב, —
דאָך וואָש איך אוים מיין ליב אין פרימאָרגנדיקע טויען
און כ'זינג אין טאָג אריין: איך לעב! איך לעב! איך לעב!

איך לעב און כ'וועל קיינמאָל נישט אַנטלויפן פאַר מיין שאָטן,
וואָס באַגלייט מיך טראָט-אין-טראָט דורך גרויל און פיין, —
אַ קויער ברויזט אין מיר אַזאַ, טיף אין בלוט פאַרקנאָטן,
דער קויער און דער ברויז פאַר מיין לעבעדיקן זיין.

אין מיין בלוט פלייצן אַלע זאַפטן פון אַ העלן גלויבן,
וואָס שטאַרקט און וואָס קרעפטיקט נישט בלויז מיך אליין:
די האַק, וואָס דער ראָשע האָט בלוטיק אויפגעהויבן
וועט אַראָפּפאַלן מיט האַסט אַף זיין אייגענעם געביין.

דער גלויבן, וואָס פאַנצערט מיך מיט אַ שטאָל-גלאַנציק וואָפן,
אַזאַ, וואָס מיינע בלייכע אָוועס האָבן נישט געקענט, —
און איך בענטש מיין דאָר, וואָס האָט אויסגעלערנט מיך שטראָפן
מיטן רויען קויער פון מיינע אייגענע צוויי הענט.

ווייל די כעשבן-שאַ איז איצטער מער ווי טאָמיד צייטיק
און פאַר יעדן טראָפן בלוט וועט באַצאָלט מיט בלוט, —
בענטש איך אויך מיין פויסט, וואָס קען זיך הויבן שרויטיק
אין טעג פון בלוט-סאַכאַקל, אין די טעג פון וואוט.

די פֿויסט, וואָס הינטער הימלען פֿרידן, אַף די פֿעלדער קאָרן
און אין היימען וועט זי ברענגען זעטיקייט און פֿרייד, —
וועט דעם ווילדן פֿעלקער־האַס, דעם אָנגעשפּאַנטן צאָרן
אַף פֿעלקער־ליבשאַפֿט איבערשמידן זינגענדיקערהייט.

איך לעב און כ׳וועל קיינמאָל פֿאַר מיין שאָטן נישט אַנטרינען,
כאָטש פֿירן וועט ער מיך דורך לוויער און דורך שרעק, —
מיט ליב־און־לעבן שפּאַר איך מיך צום ליכט פֿון באַגינען
און כ׳שריי אוים מיין לעבנס־דורשט אין ניסאָיען־טעג.

איך זינג־אוים מיין לעבנס־דראַנג אין ראַנגלעניש פֿון יאָרן,
דורך ברידער־בלוט, דורך טליעס, דורך טרויער און דורך קרעפּ, —
איך האַרטעווע אין פֿיין מיין גוף פֿאַר זוניקע קאַיאָרן,
פֿריידיק אויסצושרייען: איך לעב! איך לעב! איך לעב!

1942

סעפּטעמבער 1939

כאָטש היינט האָט זיך מיט אַזויפיל בלוים
איבער די מויערן פון מיין קויטיקער שטאָט צעגאָסן
און דער שאַרך פון די נאַקעטע ביימלעך,
מיט דאַרע פאַרבראָכענע הענט אין הימל אַריין, —
האָבן אין ווינטיקן ווייע געצאַפּלט
מיט זוניקער בענקשאַפט פון לעבן;
כאָטש היינט האָט אַ פויגל אַפן טעלעגראַפן־דראָט —
זינגענדיקע שורעלעך נאָטן, —
פאַרקלאַמערט זיינע פיסלעך און געסוויפּטשעט דאָ־רע־מי,
און אַפן אָפענעם שאָסיי איז געלאָפן די זון,
ווי אַ וואַרעמער בלאַנדער שמייכל,
און אַנגעגליט ראָז אַ שויב
און אויפגעפלאַמט רויט אַ טיר
און אַנגעפּלייצט מיט גילדענעם ציר די טונקעלע ראָגעס
און די וואָכעדיקע שווערן פון דער שווערער וואָר, —
דאָך האָט היינט דער גאַנצער צאַר פון דער וועלט,
דער גאַנצער אומעט אירער אין מיינע בלוטן אויפגעיערט
און מיין לייב האָט געצוויקט מיט שרעק
פון בלאַנקן קאַלטן באַיאָנעט,
מיטן אַנגסט פון שוואַרצן הייסן שרויט.

פאַרביי מיין טראָט,
אַף די זוניקע פלעקן פון גלאַטן טראָטואַר,
האָט געצויגן דער איימעדיקער געשפּענסט

פון דורכגעשטאָכן לייב,
פון אַן אויסגערונען אויג,
פון אַן אויפגעריסענעם שאַרבן,
פון פאַרבלוטיקטע געהירן
און דורכגעפוילטע אומעטיקע צלאָמים
איבער לעבעדיק פלייש,
איבער ביינינק-מאַרכענע גלידער,
האָבן זיך געפלאָנטערט פאַר מיינע פּיס
מיט געשריי,
מיט געהייל;
און שניידנדיקער וויטיק האָט ארויפגעקלאָגט צו מיר,
אויסגעמישט מיט שאַרפן רוף פון מעשענע פאָנפארן,
איבער טעמפּן הילך פון רום,
איבער טיף געיאָמער פון בלוט. — — —

מיין אויג — אַ שטיק גלאָז,
אַזוי שאַרף און אַזוי הייס,
האָט געשניטן דאָס אַלטע לייב פון יענעם טאָג,
וואָס איז אויך דאַן, אין נײַנצנהונדערט פערצן,
געהאָנגען טיף בלוי אַזוי,
אַ לופטיק-זוניקער אַזאַ מיט בלוי און יעצירע
און געשווימען ווי אַ לויטערער וואונדער
איבער די שטילע דעכער פון דער וועלט — — —
אָבער מיטאַמאָל האָט רייעך פון בלוט,
טאַטע-זין-און-ברידער וואַרעם בלוט,
אַ שלאָג געטון אין מיין דערמאָנונג,
ביז כ'האָב דערפילט אַף מיין האַלדז דעם קלאַמער
פון קייווערדיקע הענט. — — —

און די זון האָט ווייטער איר בלאָנדן קאָפּ געטוליעט
צו די פענצטער,
צו די טירן,
צו די שוועלן פון מיין גרויער שטאָט;
נאָר איך, מיט נאָך נישט־אויסגעברענטן אנגסט
פון שוואַרצן הייסן שרויט,
מיט טליענדיקער שרעק פון בלאנקן קאַלטן באַיאָנעט, —
האָב געוויקלט מיין אויפגעשריגן געמיט
אין אומעטיקסטן טאָג פון דער וועלט,
וואָס האָט זיך אַלץ געפּלאָנטערט פאַר מיין טראָט
מיט שוואַרצע פרוכנע צלאָמים.

1939

גענאַנג צו אַרל װערגעלים

איי, אַרל װערגעלים, בלויאויגיקער יונג, ברייטפּלייציקער בירעבידזשאַניעץ,
איי, אַרל װערגעלים, רויטהאָריקער, קרעפּטיקער זון פון די רוסישע טייגעס, —
דערהער מײַן געזאַנג צו דיר, אַרל װערגעלים, אידישער דיכטער און קעמפער,
דערפיל מײַן אָטעם, דעם ברײַענדיקן, הינטער די אַרגענטינער הימלען, —
מײַן אָטעם, װי דײַנער און מײַן בלוט — װי דײַנס —
אַזוי ליכטיק-טרויעריק פאַרבענקט און צעזונגען
און װי דער אָטעם און דאָס בלוט אַשער שװאַרצמאַנס, דעמאָלט, —
אַ, דעמאָלט, װען ער איז אין לאַנגן סאָלדאַטישן שינעל,
אין דער גרויער פאַפאַכע, אין די יוכטענע שטיװל
און מיט א ביקס, א געלאָדענע, אפן אַקסל, יונג און זשװאַװ
און זינגענדיק אַפן צעהירזשעטן פערד
אַװעק אין היים-שרויטיקן געװעט מיטן סוינע.

איי, אַרל װערגעלים, אין די זינגענדיקע טריט, די קעמפערישע פון אַשער שװאַרצמאַן,
דעם פאַרכאָלעמטן דיכטער און העלדישן רויטאַרמייער,
מיט די גרויסע קינדערשע אויגן און קינבאַקן פאַרשפּיצטע, —
ביסטו אַװעק, װי ער, ברודער מײַנער, א מוטיקער און פריילעכער,
אַף די װיסטע שטויביקע סטעפּעס פון דײַן פאָטערלאַנד,
מיט אַלע ברידער צוגלײַך, מיט דײַנע ברידער:
דעם אוקראַינער און קאַלמיק,
דעם קאַזאַק און רוס,
דעם אַזערבײַדזשאַנער און אַרמענער,

דעם גרוזינער און איד —
ביסט אַוועק פון די ברעגעס באַם טייך אַמור,
פון דיין היימישער הילצערנער הייזקע,
פון דיינע בליענדיקע קאַלכאָזן,
פון דיינע ברויטיק - זאַטע פעלדער
און מיט בליקן — פלאַם צעצונדענע
און מיט אויגן — פאַרשפּיצטע און אָנגעשאַרפטע
און מיט בלוטן — אויפגעקאָכט און צעזאָטענע
און מיט ברענענדיקן צאַפּל אין דיין גאַנצן יונגן גוף, —
אָ, יענער הייסער צאַפּל פון דער ליכטיקער וויזיע —
דער וואונדערלעכער געשטאַלט פון סערגיי לאַסאָ,
דעם רומפולן לעגענדאַרן העלד פון דיין וויטן רוסישן מיזרעך, —
אַוועק אַהין צום שטאָלערנעם ריטם פון מעטראַליע,
צום הילכיקן הודעריי פון טאַנק,
צום דונערנדיקן קנאַל פון קאַנאָן,
צום געדיכטן שטעפעריי פון ביקס,
צום בליציקן קלאַנג פון באַיאָנעט,
צום פייפנדיקן קראַך פון גראַנאַט
און צום צעשאָטענעם פייער פון אַוויאָן, —
אַהין, צו די בלוטיקע פראָנטן פון דיינע ברייטע בליענדיקע גרעניצן,
וואו דער ברוינער ראַשע שטרעקט זיינע אייזערנע געפאַנצערטע לאַפּעס
צו פאַרשקלאַפן,
צו פאַרפייניקן,
צו פאַרוויסטן,
צו פאַרשעמען דיין גרוים און פריי און ליב פאָטערלאַנד.

איי, אַרל ווערגעלים, אין מיין בלוט צינדן זיך די שטעט פון דיין לאַנד,
אין מיין בלוט גייען - אויף די סרייפעס פון דיין ברענענדיקער ערד,
אין מיין בלוט קלאָגן די צעשאָכטענע קינדער,
די צעשניטענע מאַמעס,

די פארגוואלדיקטע טעכטער —
מיינע שוועסטער, וואָס כליפּען אַרוים פון מיין צעפלאַמטן געמיט
דורך מיינע שווערע נעכט — אָן רו און אָן שלאָף,
און דורך מיינע טעג — צעריסענע ווי וועלף,
ווי אויף צעלאָכעטע הינטער די בלויע אַרגענטינער הימלען
און ס׳שניידט מיין לייב, ווי דיר, דער ווייטיק און דער פּיין
פון בערדיטשעוו,
פון קיעוו
און פון דער גאַנצער בלאַנד-זאַנגיקער אוקראַינע,
וואָס פלאַטערט איצט, ווי אַ בלוטיקע פאָן אין די צעוויגטע שאָען פון ניסאַיען
און איבער כאַרקאָוו,
איבער אָדעס,
איבער לענינגראַד
און איבער מאָסקווע, —
אַ, אַרל ווערגעלים, וואָס שווימען-אום אין יונגן בלוט פון מיינע ברידער,
די מוטיקע,
די שטאָלצע,
די רומפולע,
אין ניצאָכנדיקן מאַרש פון בודיאָנע,
פון טימאָשענקאָ,
פון וואָראָשילאָוו, —
די ברידער מיינע, וואָס שטעלן האַפערדיק אַרוים די ברוסט,
דעם קאָפּ, דעם גאַנצן גוף און דאָס גאַנצע לעבן זייערס
צום פייער און צום טויט פון ראַצכישן סוינע,
וואָס ברעכט זיך קעגן זייער שטאַרקן מוט,
קעגן זייער פעסטער האַנט,
קעגן זייער קרעפטיקן עלנבויגן
און קעגן זייער שטאַרקערן, קרעפטיקערן און פעסטערן גלויבן אין ניצאָכן —
אין ניצאָכן,
אָדער — שטאַרבן!

איי, אָרל ווערגעלים, דאָס גאַנצע האַרץ, דאָס ראַטנפאַרבאַנדישע,
פלאַטערט אין בלוט,
דאָס ברייטע האַרץ פון דער פאַרוואונדיקטער אייראָפּע קאַרטשעט
זיך אין פּיין
און דאָס גרויסע האַרץ פון אַמעריקע גרוילט אין אַנגסט, —
— ווער וועט ראַטעווען דאָס האַרץ פון ראַטנפאַרבאַנד?
— ווער וועט היילן דאָס האַרץ פון אייראָפּע?
— ווער וועט באַרואיקן דאָס האַרץ פון אַמעריקע? — — —

איי, אָרל ווערגעלים, צעזונגענער ברודער, שטאָלצער סאָלדאַט!
דורך דער כוואַליע פון בלוט אין די מעהומעדיקסטע נעכט,
דורך דער כוואַליע פון פּיין און געוויין פון אונדזער אַנגסטיקן יאָרהונדערט, —
שרייט מיט ליאַרעם דאָס אייגענע בלוט מיינס צו דיר:
— נעם מיך, נעם מיך מיט צווישן רויך און פּולווער,
נעם מיך מיט אין קאַמף, ווי דיינס און ווי אַשער שוואַרצמאַנס,
דאָס אָנגעצונדענע פון האַס און פון קלאַלע פאַרן ווילדן שטאָלענעם טעאַוטאָן,
וואָס פאַרשעמט און צעטרעט די פאָן פון פרייהייט,
די העראָישע איבער די קעפּ פון דיין פאָלק, רויט צעפלאַטערט, —
— נעם מיט מיין בלוט פון ווארגנדיקער בענקשאַפט און ליבע צו דיר,
דאָס צעפלאַמטע בלוט מיינס צו שמידן דעם פעלקער-זיג,
צו באַזאָפטיקן די אויסגעלייזטע ערד פון מיין כאַלעם,
אַז אויפגיין זאָל אַף איר דער זוניקער שפּראָץ פון דער קווייט, —
די ווייסע ליכטיקע קווייט:
פון פרידן, פון פרייהייט,
פון לעבן און געזאַנג!

איי, אָרל ווערגעלים, בלויאויגיקער יונג פון די רוסישע סטעפּעס,
דערפיל מיין בריענדיקן אָטעם און דאָס ברענענדיקע בלוט מיינס,
וואָס זינגט צו דיר דאָס ליד פון דער ליכטיקסטער בענקשאַפט
1941 הינטער די שטילע און בלויע הימלען פון מיין לאַנד.

אין מיין גרויסער שטייניקער שטאָט

יאָ, אין מיין גרויסער שטייניקער שטאָט איז שוין פרילינג
און די אויסגעוויינטע הימלען ציען זיך ווי בלויע כאַלוימעס;
איבער די קויטיקע און אומעטיקע דעכער
שפילט שוין די זון מיט שטראַלנסטרוניקע פידלען
און די אויסגעטשוכעטע ביימלעך לענגוויס די טראָטוארן
שטרעקן צווייגלעך מיט גרינקנאָספּיקע בליטן, —
יאָ, אין מיין גרויער שטייניקער שטאָט איז שוין פרילינג
און ווינטן זינגען דורך בלויע דורכזיכטיקע רוימען,
דורך די הויכע מויערן דאָס ליד פון קוואַלנדיקן לעבן,
דאָס ליד פון שפּראָציקן בלי, פון פריידיקער יעצירע, —
יאָ, אין מיין גרויסער שטאָט איז שוין פרילינג,
נאָר איך, ווי אַן אָפּגעריסענער הייסער ווינט,
ווי אַ שטיק צעשטורעמטע כמאַרע,
ווי אַ צעזאָטענע כוואַליע —
איך וויג מיך פאַרטייעט אין אומרו
און מיט רוישיק בלוט, וואָס גיסט זיך אין די אָדערן, —
דורך ונבאַגאָסענע העלנדיקע גאַסן,
דורך גרינצעקעמטע פּלאַסעס, מיט יונג-קינדישן געלעכטער;
דורך פול - באַזעצטע קאַפעען,
דורך ענג-געפּאַקטע געוועלבן,
דורך זאַטזוניקע פענימער
און אויגן — אין גלוסטיקן לוסט;
און דורך פרויען אין ווייסע שאַרשנדיקע קליידער,

ווי שווערנדיקע שוואַנען
און דורך קינאָס און טעאַטערס —
מיט בלויע, רויטע, גרינע בלענדיקע רעקלאַמעס
און דורך ליכטיקע קאָנפיטעריעס, מיט גיטאַרעס און פידלען
און דורך טאַנץ-הייזער מיט טומל און געלעכטער — — —

איך וואַקל מיך אין שווינדל פון קאַלירן
און טראָג מיט מיר אַ האַרץ, וואָס וויברירט און צאַפּלט,
ווי דאָס גרויסע האַרץ פון אייראָפּע — אין אַנגסטיקן פּיין
און דעם קאָפּ מיינעם — איך פיל — ער דרייט זיך,
ער פּלאָטערט אויף מיינע אַקסל ווי דער גלאָבוס,
דער צעפּלאָמטער פון דער גאַנצער וועלט
און אינעם כווישעך פון מיינע אויגן — אַ טיפוואָלדיקע נאַכט, —
פלאַמען די סרייפעס פון שטעט און פון דערפער
פון רוסלאַנד,
פון פּוילן,
פון טשעכיע,
פון רומעניע
און פון אַלע לענדער אונטערן שטיוול פון ברוינעם באַדריקער;
און פון מיין בלוט הער איך אַרוים דאָס געוויין
און דעם שטומען אומעט פון די קינדער אין געטאָ,
וואָס וואַרגן זיך אין ציין - צעשטשירעטן הונגער;
און דאָס דערשטיקטע געשריי פון די טרויעריקע מאַמעס
אין פינצטערן שאָטן פון שטריק און פון טליעס,
וואָס הוידען זיך הינטער האַס-פאַרקאָוועטע הימלען;
און איך הער דאָס זיפצן און דאָס קרעכצן פון זקיינים
און דאָס וואַרעמע זאַלציקע בלוט דערפיל איך,
וואָס לויפט און וואָס ליאַרעמט איבער כורוועס און שליאַכן,
איבער וויסטע צעטראַמפּלטע שלאַכטפעלדער — — —

און אָט שווינדלט אויף דער שטורעם-טאַנץ,
דער צעבליאַסקעטער ווירבל פון די קאַזאַקישע שווערדן

אין שטאָלערנעם גלאַנץ איבער די קובאַנער סטעפּעס
און דער דאָן — דער ברייט־צעגאָסענער טייך — איז רויט,
די רויטע וואַסערן זידן און הייבן זיך העכער און העכער
און זיי פאַרשווענקען מיט רויט־בלוטיקן מאַבל,
זיי דערטרענקען מיט רויט־בלוטיקן געגעם
די ברוינע כוואַליעס פון האַס און פון סינע
און ס'פאַרטויבט מיך דער הילך פון קאַנאָנען,
ס'פאַרטשאַדעט דער רויך פון די טאַנקעס
און די גסיסע־ווייען קראַמפן מיין האַרץ
און פאַרקאַלכן מיט שווידער מיינע אָדערן — — —

און אָט דערזע איך די וואָלגע,
יאָ, איך דערהער דעם שווארצן יאַם אין זיין ברייטשטראָמיקן ברויז,
איך דערזע די כאַרעווע סטאַלינגראַד —
די רוישיקע פאַרט־שטאָט פון אַרבעט און געזאַנג
און ווי זי הויבט זיך און שטרעקט זיך ווי אַ פאַרוואונדיקטער לייב
מיט באַיאָנעטישע נעגל און מיט אַ טאַנקישן קאָפּ,
מיט אַ מויל, וואָס פלייצט מיט שרויט און מיט פייער,
מיט אויגן — רויט־אָנגעצונדענע אין אייגענעם בלוט
און זי רעוועט — די שטאָט — זי רעוועט און קעמפט,
זי קעמפט און זי רופט, זי מוטיקט און שטאַרקט:

— העי, זין מיינע, רויטאַרמייער, העלדנמוטיקע,
העי, זין מיינע, מאַטראָסן, אָקשאָנעסדיקע, —
מיט דער ברוסט דער שטאָליקער צום סוינע
און מיטן נאַקן דעם גראַניטענעם — צום יאַם, —
הינטער אייך, זין מיינע, בריקן אויפגעריסענע,
וואָס וויגן זיך, ווי שווארצע הילצערנע ריזן
איבערן כוואַליענדיקן האַס פון דער וואָלגע,
וועלכע מוטיקט און שטאַרקט, וועלכע רופט און וואָרנט:

— נישטאָ קיין צוריק —
זיג אָדער טויט,
טויט אָדער — זיג!

און די ברייטשטראָמיקע וואַסערן קאָכן אין פליסיקן זאַט:
— זע, וועלט, דו, וועלט, דעם וואונדערלעכן העלדנמוט,
זע דעם טיטאַנישן ווידערשטאַנד
און דעם זעלבסטמערדערישן קאַמפּסלוסט פון סטאַלינגראַד
און פאַרשרייב עס, וועלט, דו, וועלט, מיט פלאַמיקע פינגער;
מיט פייערדיקע אויסיעס, מיט מאַרך און מיט בלוט
אַף דיינע הימלען-פּאַרמעטן אַף טויזנטער דורעס —
פאַרשרייב עס, פאַרשרייב עס, פאַרשרייב עס — — —

און איך, איך וויג מיך ווייטער אין פלאַטער פון אומרו,
איך וואַקל מיך איבער די שטייניקע טראָטוארן,
ווי איבער הויכע שווינדלענדיקע טרעפּ
און כ'פיל, ווי מיין קאָפּ — ער דרייט זיך אין רונדיקן קרייז,
ווי דער שווערער אָנגעצונדענער גלאָבוס פון דער ערד;
אין מיינע אויגן — אויפגעריסענע אָפּגרונטן,
שפּאַנט אַלץ דער שטאָטישער פרילינג מיט פלייטן,
מיט גיטאַרעס, מיט פידלען און מיט סאַקסאָפאָנען,
מיט פריידיקע טישלעך וויין, מיט געלעכטער, מיט געזאַנג, —
נאָר דאָס בלוט מיינס ריזלט האַסטיקער אין מיינע ווענעס,
דאָס בלוט מיינס שרייט און טיינעט און מאָנט:

— אָ פרילינג, שענק ליכט און זון די פאַרכאַלעשטע קינדער פון געטאָ
און אַלע קינדער הינטער די פאַרברענטע הימלען פון זייער וואָגל;
שענק, פרילינג, אַביסל פרייד און טרייסט
די פאַרומערטע מאַמעס אין קאַלטן גליווער פון טרויער;
שענק, פרילינג, זעט די הונגעריקע שטעט און דערפער,

די צעטראָטענע היימען פון אייראָפּע;
און די זין, די העלדישע, די קובאַנער,
די דאָנער, די סטאַלינגראַדער —
גיב זיי, פרילינג, זוניקן שמייכל אין די אויגן,
גיב זיי, אין זייער מוטיקן געראַנגל מיט דער נאַכט,
דעם ליכטיקן שמייכל פון באַגינען;
גיב זיי, פרילינג, דעם וויניקן זאַפט פון דיין פרייד,
גיב זיי דאָס העלע געזאַנג פון דיין האַרץ,
גיב זיי אַלץ, אַלץ, אַלץ — — —

יאָ, אין מיין גרויסער שטייניקער שטאָט איז שוין פרילינג
און איך וויג מיך איבער גאַסן אין אומרו פאַרטייעט
מיט בלומען, וואָס מאָנען,
מיט בלומען, וואָס זינגען,
מיט בלומען, וואָס שרייען — — —

1942

דער כאָלעם פֿון ברויט

די באַלאַדע פון לעצטן גאַנג

אין האַרבסטיקן אָוונט, דורך כמאַריקער שטאָט,
ער האָט געשלעפּט זיין לעצטן טויטן טראָט

דורך אַ פּלאַסע, אַ ביימל — אַ טרויעריקער קאָפּ,
דורך ברייטע וויטרינעס, מיט ראַלעטן — אַראָפּ;

דורך טירן פון הייזער מיט פרייד און מיט זעט,
מיט ליכטיקע טישן, מיט ציכטיקן בעט.

אין האַרבסטיקן אָוונט, אויף נאַסן אַספאַלט,
ער האָט געשלעפּט זיין טראָט און געפילט, ער פאַלט;

געפילט, אַז ער זינקט שוין אַראָפּ, ווי אַ שטיין
און ס'וועט מער אויף זיין קאָפּ די זון נישט אויפגיין;

אַז ס'וועט דער באַגין אים געפינען וואו קאַלט,
טויט און פאַרגליווערט אויפן ברוק פון אַספאַלט.

און נאָך אַ טראָט, דעם זעכציק-יאָריקן שפּאַן —
האָט געשלעפּט דער אַלטער בעטלער-אָרעמאַן;

אַ טראָט און אַ קרעכץ, אַ קרעכץ און אַ טראָט
און הינטער אים האָט געקרעכצט די האַרבסטיקע שטאָט.

א קרעכץ און א טראָט און א וויג און א הויב —
און זיין בליק איז אַרויף אַף א ליכטיקער שויב;

א שויב פון א שפּייז-קראָם, א זאַטן אַלמאַסען
האָט זיין זשעדנע אויג אין הונגער דערזען;

דערזען האָט ער ברויט און דערזען האָט ער וויין,
איז אַרויף אַזא דאָרשט אַף זיינע אַלטע ציין;

און פליש און קעז — טאָקע פּאָר סענטן בלויז, —
רינט אַזש די סלינע פון זיין מויל אַרויס;

פיש און פרוכט — און זיין בליק אונטער ברעם
זשאַרעט, ווי זיין האַרץ — אין קראַמף, אין קלעם;

פייגן, מאַראַנצן — און דער בעטלער פאַלט
מיטן קאָפּ צו דער שויב — ליכטיק און קאַלט.

פון דער שויב — א וואַקל, א פלאַטער, א וויג
און ער זינקט אַראָפּ אַפן שטייניקן ברוק.

און ס'זינקט מיט אים די שטאָט, גאַס נאָך גאַס
און די האַרבסטיקע נאַכט — טריב און נאַס.

זיין וועלט — בלויז הונגער, זיין לעבן — בלויז פּיין,
זינקט אויך מיט אים מיט אין ברוק אַריין.

און מיט הענט אויסגעשפּרייט, מיטן קאָפּ אַפן ברוק
האָט זיין גוף אויסגעציקט דעם לעצטן צוק;

האָט זיין גוף אויסגעצאַפּלט דאָס לעצטע געזאַנג
פון אַ מענטשלעכן טראָט אין זיין לעצטן גאַנג.

דער לעצטער גאַנג פון אַ מענטש אין זיין שאַנד,
וואָס האָט נישט די זעט פון זיין אייגענעם לאַנד;

דער לעצטער גאַנג פון אַ בעטלער־אָרעמאַן
אַף זיין ערד, וואו ברויט איז בעשעפע פאַראַן — — —

און אַזוי האָט אַ מענטש אין זיין הונגער און נויט
געקילט אַפן ברוק, פאַרשטאַרט און פאַרבלויט.

בלויז דער שאָטן פון זיינע צוויי צעשפּרייטע הענט
האָט זיך געדראַפּעט אַף די גרויע מויערן־ווענט;

זיך געהויבן אַלץ העכער, אַלץ העכער און לאַנג
געפלאָטערט איבער שטאָט מיט שוואַרצן געזאַנג;

אַ געזאַנג, וואָס איז פול מיט אומעט און באַנג
פון אַ מענטשלעכן טראָט אין זיין לעצטן גאַנג.

אין כמאַריקן אָוונט, דורך האַרבסטיקער שטאָט
האָט אַ מענטש אויסגעזונגען זיין לעצטן טראָט.

1941

דאָס ליד פון פּראָסטן מאַנטיק

דאָס ליד פון פּראָסטן מאָנטיק הייבט זיך אָן אזוי:
אַפֿן ראָג פון גאַס פּאַלט אַ מענטש אין אָוונטיקן גרוי;

ער פּאַלט אַוועק אַף הארטן ברוק מיט הונגעריקע ציין,
ער פּאַלט מיט קייכעס אויסגעלאָשענע, עלנט און אַליין;

ער פאַלט אין בלי פון זוניקע, פון פרילינגדיקע טעג,
אין מיטן שפּאַן פון כאַלעם אַף זיין הארטן וואָרן וועג.

אַף זיין קאָפּ — גרויער שטויב פון יאָרן און פון נויט,
אין זיינע זשעדנע אויגן — די פּראָסטע וואָך פון ברויט.

אַף זיינע ביידע הענט — געבעט, אַף זיינע הענט — געשריי,
אַף זיינע פארכאַלעשטע ליפּן — שניידנדיקער וויי;

אַף זיין בלייכן פּאָנעם — צאַר, אַף זיין פּאָנעם — מאַטער,
ער אַליין — אַ פּאַן פון ווייטיק, צעוויקלטע אין פלאַטער;

ער אַליין — אַ פּאַן פון פּיין איבער וואָוילטאָג און זעט
און אַ בייטש פון צאָרן איבער שלאָף אין ווייכן בעט.

אַף שטייניקן ראָג פּאַלט אַ מענטש, פרעמד און אומבאַקאַנט
מיט צעקלעמטן הונגער אין זיין איבערגעפּרעסן לאַנד;

ער פאַלט אַוועק מיט קלאַלע, ער פאַלט מיט שאַנד און בראָך
אין זיין לעצטער הונגער־שאַ אין טאָג פון פראָסטער וואָך.

און טיפער בלויט דער הימל, אַ בוים זיך בלעטערט גרין
און אויטאָס פאַרגלאַנצן אין די ראָגן, אַהער און אַהין.

די שטאָט אין ליכטיקן טומל — ווי נעכטן און ווי היינט,
לויפט מיט פרילינגדיקן אָטעם, קאַלירנדיקער שיין;

זי לויפט, די שטאָט, און בלינעט מיט טיינעג, מיט פרייד,
זי וואַרגט זיך מיט פולן גאַרגל וויין, מיט שיקערע רייד;

זי לויפט, די שטאָט, אַף סטרונעס פון פידלען און פון פלייט,
מיט געלעכטער, מיט טענץ, ביז די קני פאַרשאַרצטן קלייד;

זי קייכט אין זאַטן וואָגזין, מיט אָנגעזויפטן בלוט
און מיט לייב אין טייווע־פלאַקער, אָדערן — אין גלוט.

נאָר דאָ אַפן קאַלטן ראָג, הינטער מויערן און ווענט, —
ליגט אַ מענטש און גויסעט אין ליכט־צעראַשטן בלענד;

נאָר דאָ אַ מענטש צוקט און שטאַרקט אין לעצטן צאַפל ווי
און פראָסט אַף זיינע הענט, טויט אין זיינע אויגן צווי.

אַף זיין פּאָנעם — געלער פאַרמעט, שרייבט די נאַכט און שרייבט
דאָס גורל פון אַ מענטשן אַזאַ מיט הונגעריקן לייב.

פון זיינע בלויע ליפּן — פאַרטרוקנטע און קוואַר, —
זויגן אוים די שטילע שאָטנס זיין לעצטן שפור פון צאַר;

דעם לעצטן שפּור פון לעבן, וואָס פלאַטערט וואו אַוועק
אין לעצטן שפּאַן פון כּאַלעם, דורך וואָג'עדיקע טעג.

און די לעוואָנע, ווי טאָמיד — פליִיצט מיט גאָלד און טריפט,
אַפן בלוי פון הימל — זי וויגט זיך אַלץ און שיפט.

דאָס ביימל, פונקט ווי נעכטן — משוכעט זיך און שווייגט
און ס'טוליעט זיך אין דרימל א צווייגל צו אַ צווייג.

און דאָס ליד פון פראָסטן מאָנטיק לאָזט זיך אויס אַזוי:
שטאַרבט אַ מענטש, ווי איך, ווי דו — אין אַוונטיקן גרוי.

1942

דאָס ליד פֿון אַ היימלאָז

כ׳האָב מיין היים שוין אויסגעבענקט אַף אַלע ראָגן,
יעדער בוים און גרעזל ווייסט שוין פֿון מיין עלנט;
אַלע פּלאַסעס וועלן אייך דערציילן פֿון מיין וואָגל
און פֿון מיינע טעג — הינטער ווענט און שוועלן.

מיין גוף דעק איך צו מיט נאַכט, מיט שטיקער הימל,
צומאָל כמאַריקע, צומאָל — לעוואָניקע און בלויע;
מיין טיפסטער שלאָף איז דאָך מער נישט ווי אַ דרימל,
וואָס צערייסט זיך ווען ס׳הייבט אָן אַף טאָג צו גרויען.

מיין קלומיקל, מיין שאָטן, צומאָל — אַ היימלאָז הינטל
אין מיין נאַווענאַד־זיין טאָמיד מיך באַגלייטן;
איך ווייק מיך אין די רעגנס, כ׳טרוקן מיך אין ווינטן
און כ׳וויקל מיך אין שמאַטעס — איינע אַף דער צווייטער.

מיין אייגן ווינקעלע זע איך בלויז צומאָל אין כאָלעם
דורך נעכט, צערונענע הינטער פרעמדע טירן;
אויך דאָס ברויט אַף אייגן טיש — ווי כ׳פּלעג מיר מאָלן
אין פֿאַרטראַכטעניש פֿון שאָען — מיט אַלערליי קאָלירן.

דעם טאַם פֿון אַ ציכטיק בעט כ׳האָב שוין לאַנג פֿאַרגעסן,
דער ברוק איז מיר אָפּט שוין ווייכער פֿון אַ קישן;
איך דרימל אוים מיין וועלט דורך די לאַנגע מעסלעסן
הינטער פּלאַסע־בענק, אין האַרטע מויערדיקע נישעם.

מיין פרישטיק און מיין מיטיק דאַרף איך לאַנג נישט זוכן,
אַף יעדן מיסטקאַסטן פרימאָרגנס איך געפין אים:
אַ קאַרטאָפל און אַ רעפטל ברויט, צומאָל אַ שטיקל קוכן
און אויך אַלס צולאָג — פּרוכטן פון אַלע מינים;

דאָ אַ מאַנדערינקע, דאָרט — אַ באַנאַנע, צי אַן עפּל
(מיין לאַנד איז שעפעדיק ביזן מיסטקאַסטן אַפילו!)
פאַר מיין מאָלצייט דאַרף איך גאָר קיין לעפל נישט, קיין טעפל,
מיט ווייסעך וועלכע שפייז מיין הונגער איינצושטילן.

מיין מאָגן פאַרשטייט מיין דאָליע פון וואָגל און וואַנדער
און ער לעבט בעשאָלעם מיט מיין מענטשלעך גורל...
בלויז דאָס האַרץ מיינס איז צומאָל אַביסל אַנדערש
און רעדט מיט בייזע רייד אַריין אין מיינע אויערן;

יאָ, דאָס האַרץ מיינס פרעגט אָפט מיט ווייטיק, מיט טרערן:
„ווילאַנג איז עס דער שיר צו דעם היימלאָזן וואָגל?" —
נאָר איך פאַרטייע מיך, ווי כ'זאָל עס קלאָל נישט הערן
און כ'קרייזל מיר אַ האָר און דלובע מיר אַ נאָגל.

איך קוק מיך איין צום הימל — לויטערן און בלויען,
איך קוק מיך צו צום ביימל — צווייטיקן און גרינעם
און ס'איז מיר גוט אַזוי, וואָס הינטער פרעמדן מויער
קען איך מיין רו און שלאָף שטילערהייט געפינען.

די שטאָט איז גרויס, די וועלט — איז אָוואַדע גרעסער
און די ערד איז אומעטום אַ פרעמדע און אַ מידע...
איז גוט, וואָס כ'האָב לאַנג דאָס אייגן ווינקעלע פאַרגעסן
און מיינע ביינער שווייגן, וואו כ'לייג דעם קאָפּ אַנידער.

מיך ערט נישט דער רויש פון שטאָט מיט אויטאָס, טראַמווייען,
וואָס שניידן דורך די נעכט מיט גרילציקן געטומל;
און די פידל, וואָס וויינט אַרוים דורך רויכיקע קאַפּעען, —
פאַרוויגט מיך אין מיין שטייניק בעט הינטערן הימל.

און די שורעס ביימלעך, וואָס טשוכען זיך אין דרימל,
ווי לעבעדיקע וועזנס באַם ראַנד פון די וועגן, —
זיי היטן מיין געביין, ס'זאָל דער שלאָף מיר וואויל באַקומען
גלייך, ווי יעניקע אַף זייער ווייכן, ציכטיקן געלעגער.

און מיין שלאָף איז דאָן אַ כאָלעם, מיט ליכטיקע טישן,
מיט טרייסטנדיקער פרייד ביז ס'הייבט אָן צו טאָגן,
ווען כ'רייס מיך אָפּ פון מיין רו אין מויערדיקער נישע
און כ'שלעפּ מיך אין עלנט אַף מיין היימלאָזן וואָגל.

1942

דער כאָלעם פון ברויט

וואָס כאָלעמט אַ מענטש אַף שטייניקן ברוק
באַנאַכט אין אַ נישע פון מויער פּאַרוקט? —

וואָס כאָלעמט אַ מענטש אַף האַרטן אַספאַלט
הינטער הימלען און טירן — פרעמד און קאַלט? —

צוויי אויגן — זשעדנע, ווי נאָך רעגן די ערד,
דאָס פּאָנעם — פאַרמעט, געל און פאַרצערט;

אויגן — ברונעמס, אַזוי אָפּגרונטיק טיף,
אַ טרויעריקע ווערבע — זיין ביייניקער גוף;

צוויי הענט — פרעגצייכנס, אפן ברוק צעשפּרייט,
וואָס מאָנען נאָך אַלץ זייער זעטיקע פרייד — — —

וואָס כאָלעמט אַ מענטש אַף אַספאַלטיקן שטיין,
מיט זשעדנע אויגן און גיריקע ציין? —

ער כאָלעמט דעם כאָלעם פון פּראָסטער וואָר:
ברויט — ביז הונדערט און צוואַנציק יאָר!

ער כאָלעמט דעם כאָלעם פון שאָבעס און וואָך
דורך שוויסיקער מי אין אייביקן יאָך;

ער כאָלעמט אין זיין שטייניקן קאַלטן וויג
דעם כאָלעם פון רו, פון ברויטיקן גליק.

און ווייט הינטער אים זיך כוואַליעט אין פעלד
דער פראָסטער כאָלעם פון זיין וואָרער וועלט;

דאָרט וויגט זיך אין רייפע זאַנגען זיין זעט,
זיין שאַבעסדיקע רו אין ציכטיקן בעט;

הינטער אים אין זוניקע טעג א סאַך
בליט זיין כאָלעם פון טויזנט-און-איין-נאַכט;

הינטער אים, אַרוים פון שטאָטישן וועג,
גייט-אויף זיין כאָלעם אין קאָרענע זעק.

אין מילן זינגען די רעדער אין גאַנג:
„אַ לאַנד פון גאָלדענער שעפע אין זאַנג";

מעסלעם נאָך מעסלעם, זיי ווערן נישט מיד
צו זינגען דאָס אייביקע ברויטיקע ליד.

און דער כאָלעם פון ברויט — פריש און זיס,
זיך וויגט אין באַגין אָף פערדישע פיס;

אָף פריילעכע יונגען — אַ פייף און אַ צי
אין מילכיקן נעפּל פון אינדערפרי;

ביז דער כאָלעם פון ברויט, אין זייד-פּאַפּיר
שימלט אין שויפענצטער, אָף שוועלן פון טיר;

פון שמוציקן אַפּפּאַל, פון מיסט גייט ער אויף
אין יעדן זוניקן זעטיקן הויף — — —

וואָס כאַלעמט באַנאַכט, אין הונגער־פּיין
אַזאַ מענטש מיט זשעדנע גיריקע ציין? —

מיט הענט — בלויז קנאָכן, בלויז פּויסטיקער ביין
צו וואַרפן זיין צאָרן, ווי שפּיציקן שטיין;

מיט אויגן — פּריסיק, בלויז זשאַר, בלויז פלאַם,
אַ וועלט צו פאַרצערן, אין האַס מיסטאַם — — —

און אַף דעכער, אַף ווענט, צו מויערן־צו,
טוליעט זיך נענטער די גאַסיקע רו;

צו נאַקעטע ביימלעך, שילדן פאַרטראַכט,
פּרעסט זיך אַלץ שטילער דער אָטעם פון נאַכט;

טרוקענע צווייגן, אין ווינטיקן וויג,
צעשיטן שאָטנס אַף ליידיקן ברוק;

שאָטנס — פינצטערע קנאָכיקע הענט,
פלעכטן פון ברוק זיך ארויף אַף די ווענט

און פון ווענט אַלץ אַרויף, איבער הויז און דאַך,
הענט — גליענדיקע פרעגצייכנס אַ סאַך, —

וואָס מאָנען ביז הונדערט און צוואַנציק יאָר
דעם ברויטיקן כאַלעם, ווי זעטיקע וואָר.

1942

די באַלאַדע פון באָרוועסן מאַן

דאָס איז די באַלאַדע פון באָרוועסן מאַן,
וואָס איז אפֿן שליאַך פון זיין וואָגל געגאַן

אין א זומער-פאַרנאַכט דורך גערטנער אין בלי,
דורך הייזקעס אין דרימל פון רו נאָך מי

און דערזען האָט דער אַלטער באָרוועסער מאַן
אַף דער קליינער קאַפּיליע פון הייליקן יאָהאַן

דעם ציילעם, וואָס ברענט אין זוניקן גלי,
איז ער געפאלן מיט פאַרבויגענע קני,

מיט פאַרבראָכענע הענט אין הייסן געבעט
און האָט זיך צעטיינעט און האָט זיך צערעדט

צו זיך און צו גאָט און צום ציילעם אזוי:
— „איך בין שוין אַלט, איך בין שוין גרוי

און הונגעריק בין איך און אָרעם בין איך
ביז צו מיינע באָרוועסע פיס — אָן שיך,

ביז צו מיין לייב — אין קויטיקן העמד,
אפֿן שליאַך פון מיין וואָגל — עלנט און פרעמד,

ביז צו מיין גוף — טרוקן און קוואַר, —
פאַרנעם מיינע רייד, אַ, הייליקער האַר!

דו היטסט דאָך ס׳ביימל אין צעשטורעמטן ווינט
און דערנערסט זיינע וואָרצלען, ווי אַ מאַמע איר קינד;

דעם גרעזל אין פעלד שענקסטו זיין טוי,
דעם בלימל — זיין רעגן און זוניקן בלוי

און ביז צו דער מילב ברענגסטו זיין שפּייז, —
אַ, האַר, דעם כעסעד אויך מיר ווען באַווייז;

באַווייז מיר דיין גנאָד אין טעג פון מיין נויט
און שענק מיר די זעט פון דיין געטלעכן ברויט;

שענק מיר אויך רו פאַר מיין אַלטן געביין
אין וואָגל פון יאָרן — פאַרלאָזט און אַליין!״ — — —

און טיפער צו דער ערד בויגט פרום אַראָפּ
דער באָרוועסער מאַן זיין מידן קאָפּ,

ער גראָבט דאָס פּאַנעם אין זאַמד פון דער ערד,
וואָס זאַפּט איין אַ הייסע טרער נאָך אַ טרער.

נאָר דער ציילעם אפן קופּאָל פון הייליקן יאָהאַן
שווייגט און לעשט זיך איבערן באָרוועסן מאַן,

וואָס דאַוונט נאָך אַלץ מיט טפילע־רייד
און זעט נישט, ווי אָוונט מיט שאָטן זיך שפּרייט

איבער הייזקעס אין שלאָף נאָך טאָגיקער מי,
אַף סעדער און גערטנער — אין גרינעם בלי;

ער זעט נישט דעם הימל, וואָס וואָלקנט זיך שווער
און פילט נישט דעם ווינט, וואָס שטויבט די ערד;

ער זעט נישט די נאַכט, וואָס די פעל׳ער פאַרדעקט,
אַז נאַכט וועט מיט שטורעם אים טרעפן אין וועג;

ער ליגט פאַרקראַמפּט מיט דערוואָרגענע רייד
און הינטער אים דער שטורעם שפּאַנט און גייט;

ער שוויגט איינגעקנוילט אין צאַפּל פון געבעט
און דער ווינט בלויז הערט, די נאַכט בלויז זעט,

ווי באַם פינצטערן קלויסטערל פון הייליקן יאָהאַן
לאָזט זיך אוים די באַלאַדע פון באָרוועסן מאַן.

1942

די באַלאַדע פון ציטיקע טרויבן

אין בלויען קלייד, אין וויאָלעטן קלייד
דער בלאָנדער זומערטאָג פאַרגייט;

פאַרגייט מיט ווייכע שטילע טריט
איבער בערג אין ראָזן צוויט.

פון ביימלעך רינט די שקיע־שיין,
פון צווייג און בלאַט אין גראָז אַריין;

פון טרויבן טריפט די שקיע־שיין
אָף מיידלס ליפּ אַרויף, ווי ווייַן.

דאָס מיידל ציט דעם ווייַן און ציט
און פילט: זי וואַקסט, פילט — זי בליט;

זי זייגט און נאָגט דעם טרויבן־זאַפט
און ס׳פיבערט־אויף איר מיידלשאַפט.

אַ בלעטל רוימט אַ סאָד איר איין:
„דאָס לייב פלאַמט־אויף פון צופיל ווייַן״.

אַ צווייגל וויגט זיך לינד אין ווינט:
„ווייַן איז שיקרעס, שיקרעס — זינד״.

אַ גרעזל פלאַטערט הין־און־הער:
„ווייַן איז פרייד און אויך — אַ טרער".

נאָר מיידל ציט דעם זאַפט און ציט
און ס'גליט אין איר דאָס פיבער־ליד

פון אויגן — שטיקער הימלען קלאָר
און הייסע כוואַליעס — אירע האָר;

פון הענט צוויי — דאַרשטיקע, אין דראַנג
צו ליבן און צו צערטלען לאַנג;

פון בריסטלעך — צייטיקע און שטייף
און מיידל־לייב — ווי טרויבן רייף:

—„דאָס לייב פלאַקערט אויף פון ווייַן
און ברענגט נישט בלויז פרייד אַליין? —

און וואָס איז לייב דען אָן באַגער,
און פרייד וואָס איז, אָן אַ טרער? —

ווי זאָל איך מעסטן דען מיט זינד
דאָס לעבן מיינס, וואָס רייפט אַצינד? —

דאָס לעבן מיינס, ווי טרויבן־ווייַן,
וואָס רייפט אין פרייד און אין געוויין;

וואָס רייפט מיט זינד און מיט שטראָף
ביזן דנאָ פון לעבנס־סאָף" — — —

נאַר פון לעצטן טרויב די שקיע־שיין
רינט אין שאָטן שטיל אַריין;

ס׳טריפט דער לעצטער טראָפּן אָפּ
אַף דאָרשטן פון מיידלס ליפּ אַראָפּ.

אין בלויען קוואַל פון מיידלס אויג
האָט דער אָוונט זיך פאַרנויגט;

אַף בלאָנדן פלאָם פון מיידלס קאָפּ
לאָזט די נאַכט זיך קיל אַראָפּ.

אין הימל גרינט אַ שטערן אויף,
און פאַלט אַף מיידלס קלייד אַרויף;

אַ צווייטער שטערן גליט און גרינט
און אַף מיידלס לייב וויינט דער ווינט.

1942

די באַלאַדע אין דעמער

דאָס מיידל שטייט באַם פענצטער אין דעמער־שאָ:
געוועזן איז אַ טאָג, געוועזן — און נישטאָ;

דאָס מיידל שטייט באַם פענצטער איינע־אליין:
אַוונט — טיפער אומעט, ווידער קומט צוגיין;

ווידער טוליען זיך דיביימער אַוונטיק־שטיל,
די גרינע סטעזשקעס שאָטענען — ווייט און קיל;

אָפּן הימל כמאַרעלעך — שאָף, וואָס איילט אַהיים,
הינטן קוסטעס וויגן זיך, סוידען זיך געהיים.

דאָס מיידל שטייט באַם פענצטער אין ראָזן פאַרנאַכט,
וואָס האָט אין אירע אויגן בענקשאַפט געבראַכט.

אַ לעצטער שטרייף פון זון אין מיידלס אויגן גליט,
דאָס מיידל גלעט די האָר — גרויענדיקער צוויט.

דאָס מיידל פלעכט די האָר, פלאָטערט און טראַכט:
געוועזן איז אַ טאָג, ווידער קומט די נאַכט;

ווידער ברענגען שאָען פולע קרוגן טרער,
שאָען — פלאָם און פיבער, דראַנג און באַגער;

וועז גוף — הייסער צאַפּל, זיך וויקלט אין געשריי,
אין שלוכציקן קראַמף די גאַנצע נאַכט אַזוי.

דער לעצטער זונשטרייף טאַנצט אַף מיידלס לאַקן גרוי,
גלאַנצט אַף אירע וויעס — אין טרערנדיקן טוי.

באַלד מיט מיידלס ברעמען — צאַרט און מילד,
דער לעצטער ראָזער שטרייף שפּילט זיך און שפּילט;

און פון אירע ליפּן פלאַטערט גלייך דער שטרייף
אַרויף אַף אירע בריסטן — יונגפרוילעכע רייף.

ער צערטלט זיי מיט ליבשאַפט, צערטלט זיי און גלעט
ביזן טיפן טונקל, ביז אין אָוונט שפּעט;

ער צערטלט זיי מיט כּאַלעם און דאָס מיידל — שלאַנק,
פלאַטערט באַם פענצטער אין אויסגעבענקטן דראַנג.

מיט פאַרמאַכטע אויגן זי צאַפּלט, פיבערט אויף
און איר זשעדנער גוף ציט העכער זיך אַרויף;

זי ציט זיך אַלץ אַרויף און אירע יידע הענט
וואָלטן איצט אין ליבשאַפט וואַרגן אַזש געקענט.

זי וואָלט איינגאַנצן זיך אין צעגליטן דראַנג
געלייגט הינטערן שניטער — ווי אַ צייטיקע זאַנג;

זי וואָלט דאָס רייפע לייב ביזן לעצט פאַרצערט
אין אויפגעפלאַמטן בלוט פון הייסן באַגער.

נאַר פון יענער זייט שויב, לענגוים, רינגאַרום,
סווידען זיך די קוסטעס און וויגן זיך פרום.

די זומערדיקע נאַכט מיט בלייכע פלעמלעך שיין
קוקט מיט גרינע אויגן אין פענצטער אַריין

און זעט ווי דאָס מיידל ציט זיך אַלץ און ציט
אין פלאַם פון יונגפרוי־צאַפּל, טיף אויפגעגליט;

און ווייט איבער קוסטעס, דורכן טונקעלן פליין,
שנירלט זיך דין און שטיל אַ זינגענדיק געוויין.

1942

קנאָספּן פון ווייטיק

אינדרויסן איז נאָוועמבער, אינדרויסן איז שוין פרילינג פולזוניקער, צעבליטער,
נאָר באַ מיר — אַ פריינט פּאַרטרויט מיר זיין אומעט, דורכזיכטיק־דינעם;
און איך אַליין — ערשט פון שפּיטאָל אַרויס, מיט שווערע צעוויקלטע שניטן, —
שטיל מיין וויי מיט די לעצטע מענטשלעכע בלעטער דזשאָוואַני פּאַפּינים.

אינדרויסן איז פרילינג און מיט פרילינג פאַרבליען מיינע קנאָספּן פון ווייטיק,
ווי דאָס איינציקע פענצטערל מיינס פאַרגייט אין זוניקן גאָלד, אין בלויען, —
נאָר דער אומעט פון מיין שוואַרצויגיקן פריינט רייפט זיך אַלץ צייטיק
און יעדע רעגע אַנטפּלעקט ער זיין מענטשלעכן ליכטיקן טרויער.

די רוישיקע גאַס זינגט אַריין אין מיין צימער מיט פרילינגדיקע סטרונעס,
זי אָטעמט שוין מיט צוויטיקע ביימער און מיט גראָזן אין אַלע ראָגן — — —
נאָר איך — כ׳קען מיך אַלץ נישט באַפרייען פון דעם ביטערן גורל פּאַפּינים,
כאָטש מיין אייגנס איז מיר איצט אַזוי פיינלעך־שווער צו פאַרטראָגן.

דאָס אייגן געמיט — צומאָל ווי אַ קינד, וואָס באַפּערלט זיך פלוצים מיט טרערן
און דורך זיי דערבליקסטו דיין לעבן, ווי אַן אָוונטיקן הארבסטיקן וואגן,
וואָס ציט זיך אין עלנט דורך איינזאַמע וועגן — אָן לעוואָנע, אָן שטערן,
ס׳באַמערקט דיך נישט קיינער און קיינער קומט נישט „גוט־מאָרגן" דיר זאָגן.

און מיין פריינט צעוויקלט אַלץ זיינע דינע לירישע רייד ווי בלומען,
וואָס פלאַטערן אין מאָרגן־ווינט און די בלעטלעך ציען זיך צום הימל, —
איך פאַרנעם זיין צעצאַפּלט געמיט, ווי מיינס — מיט ווייט־פאַרבענקטן אומעט
און ס׳העלט יעדער וואָרט זיינס, ווי אַ טיף־מענטשלעכער, טרויעריקער הימן.

דער טאָג, ווי אַ בלויער פלאַם, פלאַקערט אין וואָרט פון מיין דערציילער:
„די טעג פון מיין לעבן האָבן דאָך מיר אַזאַ זיסע פרייד פאַרשפּראָכן — — —
און איצט שטיי איך קעגן דער נאַקעטער וואָר מיט וואונדן, קיינמאָל צו היילן
און דער אומעט ברענט אין מיינע בלוטן, אין מיין גאַנצן לייב און קנאָכן".

וועלכן זין — טיינעט ער — האָבן פאַר אונדז די אויסגעטרוימטע פריידן,
ווען מיר אַליין, ווי פּראָמעטיי, זענען צום שטיין פון האַרטן לעבן צוגעבונדן, —
מיר ווייטיקן אוים דעם טיפסטן אומעט, וואָס קען זיך מיט אונדזער גוף
נישט שיידן,
ווען מיר זעען אונדזער וועלט פאַר זיך — אין פלאַמען פון ווייטיק געצונדן".

„וועלכן זין — פרעגט מיין אומעטיקער פריינט — האָבן אונדזערע פריידן..."
און ס'איז דאָ אַזאַ אַנגסט אין זיין קאָל און אַזאַ שיינקייט אין זיין טיינען, —
איך גלעט, אַלס ענטפער, זיין שוואַרצע קודלע, אַזוי ווייך און גלאַט ווי זיידנס
און מיר שווייגן אין צאַנקנדן דעמער, אין די אייגענע צעבליטע פיינען.

דאָס צימער — אַ שיפל, וויגט זיך אויף די כוואַליעס פון פאַרנאַכטיקע שאָטנס,
אויפן פענצטער-קאַרניז אַ לעצטער שטראַל, ווי אַ לייכט-טורעם פלאַטערט...
„אין אונדזער בלוט, מיין פריינט, איז דער אומעט און די פרייד צוגלייך
פאַרקנאָטן,
די קנאָספּן פון ווייטיק וועלן אויפגיין מיט ליד איבער אונדזער מענטשלעכן
מאַטער" — — —

אינדרויסן איז נאָוועמבער-אָוונט און דער פרילינג זינגט מיט ליכטיקע באַגערן
און מיין אומעטיקער פריינט איז שטיל, ווי אין היילקייט ערעוו נייע פריידן;
און איך, כאָטש מיט וואונדן, וואָס ווילן נישט שטילן, נישט לייכטער ווערן, —
איך פאַרמאַך פּאַפּינים בוך, באַפריי מיך פון זיין גורל און פון זיינע ליידן.

1940

דורך קאָשמאַרנע נעכט

דורך קאָשמאַרנע נעכט פון שרעק און לויער
אין אָנבליק פון מאטער און פון ווײ, —
מײן גוף ווערט הארטער, מײן גוף ווערט רויער
און קלאָרט ווי ערשט-געפאלן שנײ.

כ'רײם אויף מײן וועלט מיט נעגל און מיט צײנער,
כ'באַגראָב אין איר מײן בריענדיקן פײן, —
כ'העל דאַן אויף א געלײטערטער און רײנער,
כ'גײ דאַן אויף מיט לויטערן געבײן.

דורך די קראַטעס פון מײן וואָר בלויט באַגינען,
זונצעפלײצט מיט וואונדערלעכן שײן;
מײן געמיט קוואַלט אָן אַף בלאַנקענדיקע שינעס
אין הײסן טעמפּ פון לעבעדיקן זײן.

דער אלטער צאַר — דער סיוו-באָרדיקער זאָקן,
וואָס האָט מיך יאָרן כליפּענדיק באַגלײט —
ער אײלט אַוועק צעצאַפּלט און דערשראָקן
איבער שליאַכן פון מײן נײער פרײד.

וועט הינטער הימלען שנײדן זיך ווי כאַלעף
דער אָנהויב פון מײן באַנײטן ליד;
ס'איז גוט צו טראָגן אפּן קאַרק די אַלעף, —
די טאָוו — זי קומט מיט זינגענדיקע טריט.

כאָטש דער אָנהויב איז טאָמיד טערפּקע־ביטער,
יעדעס אָס — אַ שטרויכלענדיקער גאַנג, —
דאָך האָפּערדיק, אָן אינערלעכן ציטער,
כ'שטייג צום שטאַפּל פון מיין ניי געזאַנג.

ווייל דער, וואָס האָט פון סאַמע קינדער־וויגל
זיך געגערט בלויז מיט שווארצן פּיין, —
דער קאָן אויך טרינקען פון אויגפּולע קרוגן
זיין גוירלדיקן סאַם, ווי זיסן ווין.

דער קאָן אויך שפּרייטן זיינע הענט און גלידער,
באַזעלטע מיט דערהויבנדיקן וואָרט,
און אויסזינגען זיין וועלט אין קלאָרע לידער,
דעם אומעט און די פרייד פון זיין דאָר.

1937

נאָקטורן

אַפֿן קלויסטער־ציילעם גויסעט אוים א שטערן,
רינט פֿון אים אַראָפּ אַ גרינער טרויער;
אַ ביימל האַלדזט זיך מיט אַ גאַס־לאַמטערן
הינטער אַ פֿאַרלאָשן־שטומער מויער.

די לעוואָנע קריכט אַרום אַף אַלע דעכער,
ווי אַ לונאַטיקער מיט שטאַרע אויגן;
און ווי אַ וואָגלער ליגט די נאַכט און דעכעט
איבער בענק פֿון גערטנער אויסגעצויגן.

אַ לאַנגער שאָטן שאָטנט זיך און שאָטנט
קרום און קווער, לעפּיש, ברייט־צעגאָסן;
טעמפּע קלונג נאָך קלונג פֿאַלן וואו צעשאָטן
איבער ווענט, איבער מויערן און גאַסן.

אַ טריט הילכט־אויף, הילכט און זינקט פֿאַרלוירן
אין דער שטילקייט — אומענדלעכער, ווייטער;
און ס'שאָטנט זיך א שאָטן אַף די מויערן,
קרום און קווער, אַ לאַנגער און אַ ברייטער.

רו אַף טיר און טויער שלאָס און שטייפֿן ריגל,
מיט בלינדע אויגן גלאָצן שורעס שויבן;
און מאַטע לעמפּלעך וויגן זיך און וויגן
אין דער נאַכט אַריין — שטום און טויבער.

פון אַ הויך באַלויכטן פענצטער פליצן טענער,
דורך ווייכע פינגער קלאַנגען פון קלאַוויר — — —
די מאַטע לאָמפּן וויגן זיך און ברענען,
ווי לעוואָנעס אַף אַ לאַנגן שנור.

דער שאָטן שאָטנט זיך אַף ווענט און מויער
נאָך די טענער פון שאָפּענס נאָקטורן:
ליבע, לעבן, האָפענונג, פרייד און טרויער,
און פון יוגנט, בליענדיקע יאָרן;

און פון מאָרגנס — שוואַלבן, ווייסע טויבן,
וואָס פליען אָן מיט שנאָבלען העלער האָפן — — —
און ס'גלאָצן בלינד די שווארצע שורעס שויבן,
ס'צאַפלען אוים די ווייכע טענער שאָפּענס.

לעשט זיך אוים אַף דעכער די לעוואָנע
אינאיינעם מיט די לעצטע שטילע קלאַנגען;
בלייבט לעוואָנע אין הימל, ווי דאָס פּאָנעם
פון אַ טויטן מענטשן — אויפגעהאָנגען.

און פון ציילעם רינט אַלץ דער גרינער טרויער
פון אַ שטערן, וואָס איז שוין אויסגעגאַנגען;
דאָס ביימל צום לאַמטערן בא דער מויער
טוליעט זיך אין צאַפּל, טיף פאַרגאַנגען.

1939

מיינע זונפארבענקטע פענצטער

מילעד ראוויטשן

דער ערשטער האָסטו מיינע זונפארבענקטע פענצטער
אין דער וועלט אריין צעפּראַלט
און אין מיין דאָרשטיק בלוט אָנגעצונדן
בלאָע שטערנדלעך
אויפן ווייטן שווערן וועג פון מיין זינגענדיקער שורע, —
פון מיין ליד;
האָב איך אויף מיינע גאָר־יונגע אַקסלען דאָן
געטראָגן דיינע רייד,
ווי אַ גאָלדענעם סנאָפּ אין די שטיל־באַגינענדיקע שפּאַן
פון מיין וואָגל,
פון מיין אומרו,
פון מיין אומעט.

דיין וואָרט האָט אין מיינע אָדערן אָנגעגאָסן זאַפט,
אין מיין גוף צעריזלט מאַיאָווע זילבער־קוועלעכלעך
פון האָפענונג,
פון גלויבן,
פון פרייד
דורך די רוישיקע זאַנגען פון מיינע טעג
און פון מיין געמיט —
עליי אַ יונג פרילינג־פּאַסטעכל,
צווישן פעלד און וואלד און באַרג און טאָל אַליין,

וואָס גיסט-אויס אַף זיין ווערבענעם פּייפל
די גרינע כוואַליענדיקע גוטסקייט
פון דער וואונדערלכער וועלט ארום אים.

אָבער צומאָל:
אין שאָען פון גליענדיקן עלנט,
ווען פאַרנאַכטן פון איעש האָבן פאַרכמאַרעט מיין קאָפּ
און דאָס געזאַנג האָט געוואָרגן דעם אייגענעם גאָרגל, —
האָבן דיינע אויסיעס —
וואַרעמע פינגער,
וואַרעמע, צאַרטע, פּרויאַישע פינגער, —
געגלעט דאָס לייב פון מיין צעווייטיקט געמיט
און געלאָשן מיט מאַמעשע טרייסט דאָס צעשריגענע בלוט
פון מיין געביין —
פון מיין אייגענער וועלט,
וואָס האָט געוואָיעט באַ מיינע פיס,
ווי אַ פאַרבלודנער הונט דורך די לאַנגע נעכט
פון זיין אָסיענדיקן טרויער.

און שפּעטער —
ווען אַף בלאַנקויגיקן רעלס איז אַנגעלאָפן ראַשיק
דער ווינטיקער צוג פון מיין רייפקייט
און דער טאָג האָט זיך צעשפּילט אַף דער פלייט
פון מיין צייטיק און זעטיק געזאַנג, —
איז דיין וואָרט דאַן אויפגעגאַן אין מיר
מיט שפּראָץ פון ווייס-צוויטיקער פריידּ,
וואָס זינגט נאָך ביז איצט, ווי דאָס הייסע בלוט
פון מיין אומענדלעכער ליבשאַפט צו וועלט —
דער העלער פּילפאַרביקער טרוים פון מיין לעבן.

1937

בײַם באַרג טשאַמפּאַקי

כ׳ליג אין ווײַסן זאַמדיקן בלײַאַסק לעם באַרג־ריז טשאַמפּאַקי,
הינטער זײַנע פּעלזיקע פּלײצעס אין הימלען קאַנטיק פֿאַרשניטן;
כ׳פֿיל אַף מײַן צעכראַסטעטן לײַב די קילקײט פֿון אינדערפֿרי
און אַף מײַן פּנים — דעם ברי פֿון זוניקן אָטעם צעגליטן.

אַפֿן הימל־יאַם שיפֿן זיך ווײַס־כמאַריקע זעגלען פֿאַרבײַ,
וואָס בלאַנדזשען און וויגן זיך, צערינען אין צאָפֿן, אין דאָרעם,
צו די ווײַטע אַנדן, אײַביק־באַקרוינטע מיט זילבערנעם שניי,
פֿון וואַנען ס׳יאָגט אָן דער בליץ, דער האָגל, דער שטורעם.

העט־דאָרט אַ ראַנטשע — אַ ווײַסער פּינטל, פֿאַרהילט אין רויכן,
העט־וואו אַ טײַכל — אַ זילבערנע טאַשמע, צעריזלט, צעפּלאַפּלט;
די גרינקײט פֿון טאָלן, די רו אַף די שפּיץ־באַרגיקע הויכן
שווײַגט דאָ מיט נישט־דערזונגען געזאַנג, פֿאַרטײַעט, פֿאַרצאַפּלט.

דאָ אײַלט נישט דער ווינט מיט שרויטיקן שרעק אין די טאַשן
און ברענגט נישט קײן גרויליקן אָנזאָג הינטערן לויטערן הימל, —
איך גראָב־אײַן מײַנע אויגן אין רוימען, טיף־בלויע, צעוואַשן
און ס׳דערגײט צו מײַן אויער די שפּראַך פֿון קוסטל, פֿון בלימל.

דער ווינט — ער וויגט די פֿאַרכאַלעשטע גראָזן נאָך רעגן
און קילט זײערע ברוין־זוניקע קעפּלעך מיט טרײסטיקן אָטעם:
נאָך הײַנט וועט זיך איבערן טשאַמפּאַקי אַ וואָלקן צעלײגן,
נאָך הײַנט וועט שטיל אַף אײַך פֿאַלן דער כמאַריקער שאָטן.

ערגעצוואו פייפלט אַ פייפל, אַ פייפל — אַ לירישער ניגון,
אַ בלויער, אַ טיפער, אַ דינער, וואָס ריזלט אַריין אין די בלוטן, —
העי, פייפל, דו, ניגון, כ׳צעגיי אין דיין זיסקייט, שטיל און צעשוויגן,
דאָ-אָ הינטער שפּיצבערג גיגאַנטן ביז אין די הימלען פאַרשניטן.

ווייט פון פּיין, וואָס כוואַליעט איבער שוועלן פון האַס און צאָרן,
ווייט פון אומעט פון שוועסטער, ברידער אין צעבלוטיקטע לענדער, —
וועל איך אין פריידיקן ווייטיק צעשטעכן ס׳לייב מיינס אין דאָרן,
מיינע אויגן — אין זוניקן פייער ביז בלינדקייט פאַרבלענדן.

איך הייב-אויף מיין קאָל און שריי אַריין אין דער שאַלווע אַף מיילן,
ווי ס׳וואָלט פּלוצים אַ וואַנזין אינגאַנצן מיין נעפעש באַצווינגען:
טשאַמפּאַקי, מיין פרייד איז אַ וואונדיקער שניט, נישט צו פאַרהיילן,
מיין אומעט — ווער ווייסט, צי כ׳וועל אים באַם לעבן דערזינגען.

אין בלענדיקער ווייסקייט פון זאַמדן, אין בלויען יאַם פון הימלען,
מיינע טעג דאָ, ווי מעווע׳ס, ווי שוואַנען פאַרשווימען אין טרויער;
און די שטילקייט פון טאָלן זינגט אַרויף אַלץ מיט כאַלעם און דרימל,
דער באַרג טשאַמפּאַקי — מיט זיין רו, מיט זיין שווייגן און דויער.

ס׳פינטלט אין טאָלן אַ ראַנטשע, אַ רויכל קרויזט זיך אין ווינטן,
דאָס פייפל אַלץ פייפלט אין טיף-בלויער בענקשאַפט זיין ניגון;
דער טאָג וועט שטאַרבן און צינדן אין פלאַמען די באַרגיקע קייטן,
נאָר מיך וועט די נאַכט דאָ געפינען — אין כאַלעם צעשוויגן.

1941

סאַנטא־פּע

(פּאָעמע)

שטאָט, ווי קען איך זינגען פון דיינע רייגעפּוצטע גאַסן און פון
דיינע גרינצעקעמטע ביימער,
וואָס בליען אויך אין יולי־טעג אַרום דיינע לופטיקע פּאַרקן און
די בלומענדיקע סקווערן, —
אַז איבער זיי וואָלקנט זיך שווער אַזוי די גרויע נויט פון דיינע
צעהויקערטע, אָרעמע היימען
און ווען אַף די שויבן גליען טאָמיד שטילע, נישט־אויסגעוויינטע
אויגן, צעוואַשענע אין טרערן.

כ'האָב געזען אַף דיינע ריין־אָפּגעקערטע גאַסן זיך פּלאָנטערן
באָרוועסע פיסלעך פון קינדער,
ראַכיטיש־אויסגעדאַרטע פיסלעך, ברודיק ביז אַרויף, און צעפּלאַצטע
פון קעלט און פון רעגן;
קראַנקע קינדער, ווי געשלאָגענע פּריבלודנע הינטלעך, אין
הייזלעך — צעפליקטע און צעשונדן,
מיט אייגלעך — אין אייטער, רויט־געליאַמעוועט, פרי פון קאַלטע,
נישט דערשלאָפענע געלעגערס.

כ'האָב געזען, ווי זיי שאַרן זיך אַריין אין די פּאַרקאָפּטשעטע
„פּאָנדעס", אין די „קאָמעדאָרן"
און געוואַלדעווען אויס די נעמען פון צעקנייטשטע, אַלטגעבאַקענע
בוענאָס איירעסער בלעטער, —

אַזאַ טיף געשריי פון הונגער, וואָס שרייט אַרויס פון זייערע נאָך־
יונגע, קיינמאָל זאַטע יאָרן
און גיך פאַרשטאָפּט מען זייערע מיילער מיט אַ רעפּטל ברויט און
מיט אַ פּעניצל אַף שפּעטער...

און דער זעלבער הונגער ליאָרעמט אויך פון זייערע אָרעמע ברידער
און פון זייערע טאַטעס,
וואָס קלאַפּן אָפּ די טירן פון קאַפעען מיט איינציק־אויסגעלייגטע
„צעטעלעך" און „גראַנדעס",
און אויך פון זייערע אויגן טריפט די קלאָג פון אומעטיקע טעג,
פול מיט שווערן מאַטער, —
אויגן — ביזן ברעג איבערגעגאָנגענע מיט אַזאַ בענקשאַפט צו אַ
לעבן אַ נייס און אַנדערש.

און די הענט, די ביינערע, די גרינבאָדערטע און אויסגעשטערקטע
הענט אין אַלע „עסקינעס",
וואָס שניידן דורך אַיעדן מיט גיריק־שאַרפער זשעדנעקייט, מיט
אַזויפיל געבעט און קלאָלע, —
ווי זאָל איך, שטאַט, פון דיינע ציכטיקע, גרינגעלאַקטע פאַרקן
מיט זיסע פערזן זיך פאַרכלינען
ווען די דאָזיקע הונגעריקע הענט סטאַרטשען ביז אין מיין שלאָף
אַריין, ביז אין מיין כאָלעם!

און די הענט, אַרבעטלאָזע, ליידיקע הענט, אַף קויטיקע טרעפּ
פון אָפּגעבליאַקעוועטע „באַליטשעס",
הענט, וואָס דערוואַרגן זייער פּיין אין שטאַרקע „קאַניעס" און אין
רויך פון אַ ביליקן ציגאַר, —
דער טובערקולאָז און די אַסטמע וועט זיכער זייער אויסגעצערטן
גוף שוין לאַנג נישט מוטשען,
אָבער די הענט וועלן אַלץ נאָך נישט אויפהערן מאָנען זייער וועלט,
זייער לעבן און זייער סכאַר.

און מעג די שיין-אויסגעפוצטע אווענידע סאַן מאַרטין קאָקעטירן,
זיך כיינדלען אין קאָלירן,
מעג דאָס ראַשיקע, פילפאַרביקע ליכט שיפען, שפריצן מיט אירע
קאָלערלייַ ביליקע רעקלאַמעס,
דאָס גערעכטע געשריי פון ליידיקע הענט, וואָס שלאָגט אַרויס
דורך צעפראַלטע הונגעריקע טירן,
וועט שוין אויך ביז אין די זאַמטע דעפּאַרטאַמענטן און טשאַלעטן
אָנצוקלאַפן נישט פאַרזאַמען.

און די געדיכטע הינטערשטאָטישע געגנטן, וואָס טוליען זיך
נאָס-וועגטיקע איינער צום צווייטן
און זינקען באַגלייך איינגעטונקען טיף אין צעפּאַרעטע זומפּן,
אין שטינקעכץ און כוילאָסן,—
אויך זיי וועלן אויסשרייען אינאיינעם דעם אויסגעגליטן צאַר און
דעם אייביק-שטומפיקן ווייטיק
ווייט אַריבער די גרינצעבליטע גערטנער און הויך אַריבער די
אויסגעצירטע צענטער-גאַסן.

אין אָט די געגנטן, וואו הינטלעך, ברודיק-קוטשעראַווע, באַ ליימיקע
און צעבויגענע שטיבער,
שפּילן זיך מיט פּיצלעך קינדער און ווי די הינטלעך — פאַרוואָר-
לאָזטע, קויטיקע און בלייכע, —
און אַז אַף יעדער טיר וויגן זיך צוועלף, דרייצניאָריקע בייכלעך,
אויפגעבלאָזענע פון ליבע,
איז ווי צו אַזעלכע מאַמעס, וואָס טראָגן ווייטער די פרישע
לעבעדיקע פּרוכט אין זייערע בייכער.

ווייל „אַלטאַ ו. ערדע", דער גרינער קוואַרטל, וואָס שפּיגלט אַפּ
זיין גרויען לעבנס-טאָג אין בלויען,
אין לויטער-פליסנדיקן וואַסער-שטראָם פון פּאַראַנאַ-קאַנאַל —
סיי ווינטער און סיי זומער, —

טראָגט ווייט אַוועק אַף זײַנע אייליק-פּליעסקענדיקע שטראָמען
דאָס געשריי צו יעדער טיר און טויער,
אַז ער אַליין האָט שוין געגנוג אין הורט די שקלאַפּנהענט פֿאַרן
בילִיקסטן לוין צו באַקומען.

„אַלטאַ ווערדע" — דער דאַזיקער געדיכטער מאַרק פֿון דינסט-
מיידלעך, פֿון זוינעם און שיקורים,
וואָס דערטרינקען אין „בלויען גיפֿט", אין דרימלענדיקן פּישפּאַנג
זייער פּרעסנדיקן אומעט, —
אָט דער געגנט וואָרנט, ווי אַן איבערגעלאָדענער וואַלקן ערעוו
אויסבראָך און זיין שטורעם,
דער שטורעם פֿון צאָרן, דער שטורעם פֿון פּיין, דער שטורעם פֿון
טרערן, דער שטורעם פֿון יאָמער.

און פּאַרכאַפּן וועט ער אויך, דער שטורעם, די לאַנגע שורעס
רויט-ראָסטיקע בלעכענע ראַנטשעס,
ווי צעראַיעטע מיסטקאַסטנס הינטער פּאַרסמאַליעטע, קרעציקע
ביימלעך — אַף שליאַכן אויסגעשאָטן, —
די דאַזיקע ראַנטשעס, וואָס געדייען, ווי אַנגעלאָפּענע געשווירן
אַלץ העכער, און אין די וואַנצן,
אין די פֿליי ראַיען זיך די לייזיקע לינזשעראַס אין אייגענעם אָפּפֿאַל,
אין שמוץ און אין בלאָטע.

אָ, די דאַזיקע אָפּגעריסענע הונגער-אַרמיי, וואָס וואַלגערט זיך
אַלץ אַף קראַנקע, זומפּיקע פּליינען
און זי קוקט דאָך דעם גורל גלייך אין די אויגן מיט אַ פֿייער פֿון
ווארטן און פֿון שווייגן, —
זי וועט זיך אַ הייב טון, די דאַזיקע אַרמיי, פֿון שטויביקן קויט,
מיט היים-צעשטשירעטע ציינער
און מיט אַזאַ מענטשלעך, העל-ליכטיק געהייל, וואָס וועט אַזש
די שטיל-בלויע הימלען צעבייגן.

און די גלעקער פון די אָן־אַ־שיר קלויסטערס, קאַפּיליעס וועט שוין
זייער געשריי נישט פאַרטויבן,
דאָס הייליקע געטלעכע עוואַנגעליע־וואָרט וועט זייער צאָרן
אוואַדע נישט פאַרוויגן, נישט פאַרשטילן, —
ס׳וועט קיין קויעך קיין נישט צוימען דעם אימפּעט פון פויסטן איבער
דער שטאָט זיך פאַרהויבן,
דאָס קאָכיקע בלוט פון בונט וועלן אפילע די קאַלטע קראַטעס
פון טפיסעס נישט לעשן, נישט קילן.

ס׳וועט קיינער נישט ברעכן דעם צעזאָטענעם שטראָמיקן לויף,
די הויך־צעצאָרנט האַמוינישע כוואַליע
פון טאַטעס, פון זין, וואָס האָבן דורך טעג און יאָרן צעצונדענעם
האַס אין בלוטן געזאַמלט, —
אָ, שטאָט, וועסט פאַר הונגער און קרענק שוין איינמאָל אַף
דוירעס מוזן באַכעשבענען, באַצאָלן,
באַצאָלן פאַר אַלע קינדישע טרערן און פאַרן אומעט און אייביק־
צעבריטן פּיין פון די מאַמעס.

וועסט באַצאָלן, שטאָט, אויך פאַרן צעריסענעם שלאָף פון די
היימלאָזע, פאַרוואַגלטע וואַגאַבונדן
און פאַרן נידעריק־באַלוינטן עקל פון זאַטן גוף, צוגעטוליעט צו די
יונגע, זוינישע לייבער, —
וועסט אויך באַצאָלן פאַר די באַליידיקטע הענט פון דינסטן, צום
שווערן יאָך און גוירל געבונדן
און פאַר זייער געוויין, וואָס קיינער דערהערט נישט אין די לאַנגע
שאָען פון איינזאַמען בלייבן.

יאָ, וועסט פאַר אַלץ באַצאָלן, — הער איך אפילע אין איינטאָניקן
גאָס פונעם פלייציקן רעגן,
וואָס וואַשט דיינע גלייכע טראַטוארן און פאַרטרינקט ביזן האַלדז
די קרומע הינטערשטאָט־הייזער;

און אין נאַסן כמאַריקן נאַכמיטיק, וואָס פאַרלויפט שנעל מיט
שווערע נאַכט פון רעגע צו רעגע,
גליטשן זיך אַלץ נאָך די הוילע, באָרוועסע פיסלעך, די עטלעכע
זשעדנע, אָרעמע סענט צו לייזן.

און אויף די שויבן ברענט נאָך אַלץ דער הייסער און טרערנדיקער
בליק פון אומעטיקע מאַמעס,
אומעטום שטרעקן זיך נאָך אַלץ אַזויפיל הענט, הונגעריקע, בייניקע
הענט, בלייכע און בלאַסע, —
ווי אַזוי־זשע, שטאָט, זאָג, ווי זאָל איך מיך צעזינגען וועגן דיר
מיט ליכטיקע, זוניקע גאַמעס
און דערציילן אין ריטמישן פערז פון דיינע לופטיקע גרינע פאַרקן,
פון דיינע ריינגעפוצטע גאַסן.

1942

אַ מענטש אין באַניו

— 1 —

שיין איז דער אומעט פון אַ מענטשן,
וואָס קומט אַרויס אין באַגין פון אַ פינצטערן טויער
און שטיל טשוכעט ער זיך אויס
פון איבערגעריסענעם שלאָף,
וואָס ליגט אים נאָך אין די אויגן
און שפּאַנט מיט אַ באַהאַלטענעם קאָפּ אין אויפגעשטעלטן קאָלנער,
מיט גלידער, וואָס ציען צוריק צום געלעגער,
מיט אַ האַרץ אַזאַ,וואָס איז פול מיט בענקשאַפטן
און מיט שטיקלעך כאַלוימעס און געדאַנקען,
וואָס קרויזן זיך און קנוילן זיך,
ווי די וואָלקנס הינטערן הימל.

שיין איז דער מענטש, וואָס צעבינדט זיינע פרימאָרגן-טריט
און זיין שמאָל-אויסגעדאַרטער גוף אין אָפּגעריבענעם מאַנטל,
גייט-אויף מיט ציטער אין דער פאַרטאָגיקער טריבקייט;
אָף זיין קאָפּ הענגט אַ הימל, שווער און פאַרטראַכט
און טונקעלער פון זיין געמיט;
אַ פאַרשלאָפענער הימל אַזאַ, ווי ער
און אַ טריבער אַזאַ,
ווי זיין וועלט,
ווי זיין היים
און ווי זיין לעבן.

זיינע הענט — בלויז ביין און אָדערן — הענגען נאָך,
ווי צוויי טרויעריקע אווילים
און די קנאָכיקע פינגער, פאַרשטעקט אין די קעשענעס,
זענען פול מיט אַזאַ פיבערנדיקן טרויער און דראַנג,
ווי דער באַלעבאָס זייערער נאָך דעם לעבעדיקן געזאַנג:
דאָס ליכטיקע געזאַנג פון אַרבעט.

און ער פילט דעם ליידיקן מאָגן זיינעם,
וואָס בורטשעט ארויף צו אים און מאָנט עסן;
אָן אַנדערשמאָל — שוין געפרישטיקט;
אָבער איצט — מיט אַן איינציקן ניקל, דאַרף ער דאָך אָנקומען אַהין,
וואו ס׳פאָדערן זיך הענט צום הובל, צו דער זעג, —
צוויי הענט — און זיינע זענען דאָך שוין אַזוי לאַנג גרייט דערצו.
און דער הונגעריקער מאָגן מאָנט אַלץ עסן
און טראַכטענישן שלאָגן אים, ווי האַמערס אין די שלייפן;
זיינע שלעפעריקע טריט פּלאָנטערן זיך
איבער אַ שטיין,
אַ מיסטקעסטל
און מיטן לעצטן ניקל, ווי מיטן איינציקן גליק זיינעם,
פאַרקוועטשט צווישן די פינגער, —
שפּאַנט ער צו פּלאַסע אָנסע,
עפשער וועט ער פאַרט אָנקומען דער ערשטער נאָך טעג און וואָכן
און זיינע הענט, ווי די אווילים, וועלן אויפזונגען,
וועלן אויפגיין מיט דעם לעבעדיקן געזאַנג פון אַרבעט.

— 2 —

און ער שפּאַנט דורך די ליידיקע פאַרנעפּלטע גאַסן,
דורך אַ פול-געפּאַקטן אַלמאַסען,
דורך אַ קאַפע-הויז,
דורך אַ שיך - געשעפט

דורך אַ קליידער - מאַגאַזין;
און ער טראַכט וועגן אַ גלאָז מילך מיט ברויט;
ער טראַכט וועגן אַ גאַנצן שוך,
וועגן אַן אָנשטענדיקן מאַלבעש
און אַ מאַנטל באַדאַרף ער דאָך אויך.
אָבער ס'פאַרשלאָגט אים דער רייעך פון פריש ברויט,
פון עפּל,
פון וויינטרויבן,
פון קעז און פון פוטער
און ער קערט אַוועק דעם קאָפּ מיט אַ קאַלטן שמייכל,
מיט אָנגעצוויגענער גלייכגילטיקייט און מיט פאַרדראָס.

און ער טרעפט אָן אונטער הויכע מאַרמאָרנע טרעפּ
אַ צעשויבערט, שוואַרץ-כיינעוודיק דינסטמיידל
מיט אַ באַרשט און מיט שטיל-אַראָפּגעלאָזטע אויגן;
לויפט אים דורך אַ הייסער ציטער דורכן לייב,
קערט ער אַוועק דעם קאָפּ און שפּאַנט ווייטער;
ער קוקט זיך אום אַ ווייל זייטיק און שפּאַנט אַוועק ווייטער.
און ס'קומט אים אַנטקעגן אַ צעקנייטשט פּאַנעם
און גרויסע געלע וואָנצעס פון אַן אַלטן גאַסנקערער;
דער טיפער און פוילער געניץ פון אַ טאַקסי-שאָפער;
די טרויעריקע פערדישע טריט
פון אַ הויך-איבערגעלאָדענעם וואָגן מיט גרינוואַרג;
ער כאַפּט אַ בליק אַרויף צום טונקעלן טורעם-זייגער,
וואָס איז אַזוי אַלט און אומעטיק, ווי די וועלט
און זעט די ווייזערס, ווי גראָבע שוואַרצע פינגער,
וואָס קריכן אַלץ איבערן אָפּגעריבענעם ציפערבלאַט
מיט דער געניוקייט אין דער איינטאָניקער אייביקייט אַריין;

ער זעט אַף די גרויע שטומע ווענט
קאָלירטע שרייענדיקע פלאַקאַטן וועגן עקספּלואַטאַציע,

וועגן שטרייק און וועגן אייניקייט;
ער זעט אַף אַ האַלב-באַלויכטענעם שויפֿענצטער
די פולע ציפערן פון לאָטעריע-צעטעלעך,
וואָס זאָגן צו דאָס גליק אפן גאַנצן לעבן...
ער זעט גיך פאַרבײַיווינגן זיך די פאַרביקע מילך-וועגעלעך,
מיט זייערע טאָמיד-פרײלעכע, צעזונגענע יונגען;
ער זעט אַף דער שיטערער פלאַסע, אַף אַ באַנק,
אין שאָטן הינטער די דאַרע האַרבסט-ביימלעך, —
אַ מענטש, אָנגעבויגן ביז צו די אויסגעריבענע קני,
וואָס נעצט זיך אין דער אייגענער קלעפּיקער מייקענע
און ער הוסט, בורטשעט און שעלט אין דער וועלטס מאַמען אַרײַן;
ער זעט אַ צונויפגעקאַרטשעטן הימלאָזן וואַגלער,
מיט אַראָפּגעהאָנגענע פיס, ווי פון אַ טויטן, אַף אַ באַנק,
וואָס כראָפּעט אין גרויען פאַרכמאַרעטן הימל אַרײַן
און דאָס צונויפגעשנירעוועטע קלומיקל לעבן אים,
וואָס איז שוואַרץ און אומעטיק, ווי די גאַנצע וועלט
און ווי די הימלען פון טריבן אינדערפרי,
מיט ערעוו - רעגנדיקע וואָלקנס און מיט ווינט,
וואָס שניידט מיט בריענדיקער קעלט אין פאָנעם אַרײַן.

— 3 —

אין טראַמוויי, צוגעפּרעסט צו דער פאַרהאַקטער טיר,
שניידן זיך אים אין אויג אַרײַן הילצערנע פענימער,
שווערע, ווי אויסגעגאָסענע פון בליי;
פענימער, אויסגעבלייכטע און מאָגערע,
מיט שאַרפע ביינערנע קינבאַקן.
אויגן, זעט ער, פול מיט שלאָף און מיט פּיין;
אויגן מיט פייערלעך פון נישט - דערגאַנגענעם פאַרגעניגן
און פאַרשעמטע, ווי קאַלעס, נישט קיין כאַסענע-געהאַטע;
אויגן, ווי די הימלען, כמאַריקע און שטאַרע,

מיט שניידיקן ערנסט אין זיי;
אויגן פון אַרבעטער־מיידלעך מיט כּאַלעם אין זיי
און מיט אַזאַ דינער און צאַרטער בענקשאַפט,
וואָס זינגט אין טרויער;
אויגן פון אַרבעטער־יונגען, שטייפע און שפּיציקע,
מיט אַזאַ גרויסער אייביקער דערוואַרטעניש אין זיי.
און זיין בליק פאַלט אין אַ ווינקל, באַם צווייטן עק טיר,
אַף צוויי נידעריקע דיקע נאַנעס,
אין ברייטע שוואַרצע קליידער, ווי די נאַכט;
זיי קוקן קעסיידער אַראָפּ, די נאַנעס, אַף זייערע הענט,
צו די איינס אין איינס איינגעגלידערטע פינגער,
פון וועלכע ס'שפּיצט אַרויס דאָס בליצנדיקע גאָלד פון אַ ציילעמל,
פאַרוויקלט אין קאַלירענע קרעלן־שנירלעך;
און זיין בליק, אַ האַסיקער, אַן אַנגעצונדענער,
פאַלט אַרויף אַף די ערשטע זייטן פון אַ ציַיטונג;
ער שלינגט, אַז ס'ברימ אים אַזש אין גאָרגל,
די הייסע שורעס, פעט־שריפטיקע, צעשריגענע:
„...דער סוינע שפּרייזט אַף סאָוועטישער ערד...
טויטע אין די טויזנטער... שיפן דערטרונקענע...
כּאַרעווע שטעט... פאַרגוואַלדיקטע מאַמעס, טעכטער...
די טייכן זענען רויט... בלוטיקע טייכן...
מענטשלעך בלוט... ברידער־בלוט...״

און ס'שלאָגן אים אין קאָפּ אַריין די הייסע שורעס
און ס'פּייניקן אים, ווי אויפגעשניטענע וואונדן,
די גרויליקע טראַכטענישן און שטיקלעך כּאַלוימעס,
וואָס רינען אים גלייך אין בלוט אַריין
און צעלויפן זיך אין זיין גוף
מיט שפּיזלעך אָנגעגליטע, ווי פייער;
און ער הוידעט זיך אַזוי, הוידעט זיך אין קרעכצנדיקן טראַמוויי
און ס'הוידען זיך מיט אים די קוים טאָג־געוואָרענע,

טריבע פאַרנעפּלטע גאַסן;
די שטאָט, וואָס פּולט זיך אָן מיט מענטשן און מיט גערודער
און די גאַנצע וועלט הוידעט זיך מיט אים,
די וועלט זיינע, וואָס איז אַזוי רויט און בלוטיק,
פאַרשעמט און דורכגעווייקט מיט פּיין.

— 4 —

ער איז אַרוים פון טראַמוויי. אַ ווינט אָן אַזעסדיקער,
וואָס האָט געריסן די טרויעריקע קעפּ פון די ביימלעך,
איז אים אַדורך אין די ביינער און אים אַ כאַפּ געטון,
ווי אַן אָפּגעבראָכן צווייגל, אין זיינע קאַלטע אָרעמס.
ער האָט געשפּאַנט מיט אַן אַראָפּגעלאָזטן קאָפּ
און מיט מאָדנע טראַכטעניש:

„אַ מענטש, וואָס איז אַ מענטש? —
אַ מענטש אין אַזאַ פרעמדער, שטייניקער שטאָט,
איז געגליכן צו אַ הונט,
וואָס לויפט מיט גיריקער סלינע,
ווי ער, אַצינד, אין טריבן באַגינען,
צו געפינען אַ טאָג אַרבעט,
אַ זאַטן מאָלצייט;
טאָקע נישט מער, ווי אַ זאַטן מאָלצייט,
דער מאָגן זאָל נישט מאַטערן,
זאָל אויפהערן מאַנען עסן.
טאָקע נישט מער, ווי אַ מאָגערן לוין
פאַר אַ שווייסיקן שווערן אַרבעטס-טאָג
און דאָס איז אַלץ,
אַלץ, אַלץ!
פון מענטשלעך-צעקוואָלענער פרייד איז דאָך אָפּגערעדט!
פרייד — אַזאַ אייביקע בענקשאַפט בלויז,

אזא אייביקער כאַלעם בלויז,
זינט ער האָט אויפגעעפנט זיינע אויגן צו דער וועלט,
זינט ער געדענקט זיך אַלס מענטש,
אַלס מאַן,
אַלס אַרבעטער..." — — —

און ער שפּאַנט אַזוי טראַכטנדיק און פילט זיין קאָפּ
אַזוי שווער און אַזוי גרויס,
ווי די גאַנצע ערד אונטער אים,
וואָס איז פול מיט אומרעכט
מיט פּיין,
מיט הונגער,
מיט צאָרן
און מיט רעוואָלט — — —
און ער באַמערקט גאָרנישט, ווי ער בלייבט שטיין פאַר אַן האַמוין,
אַ צעוויגטן און צאָרנדיקן,
וואָס צעגייט זיך,
נאָר אַזאַ פייער איז דאָ אין זייערע אויגן,
אַזאַ פלאַם איז דאָ אין זייערע הענט;
דער הויכער פאַרהאַקטער פאַבריק־טויער שוואַרצט זיך
און שווייגט, ווי דאָס האַרץ פון דער שטאָט,
בלויז די פאַרשפּיצטע אייזערנע שטאַכעטן,
דראָען, ווי שאַרפע פאַרשפּיצטע פויסטן.

דער טויער האָט אויפגענומען פינף, עפּשער צען
און איבערגעלאָזט אינדרויסן — הונדערטער!
און ער פילט, אַז די־אַ מענטשן ווי ער, אינדרויסן,
זענען, ווי די שטאַכעטן, אָנגעשפּיצט אין זייער מאָנונג
און פאָדערן אַרבעט,
פאָדערן ברויט,
פאָדערן לעבן!

און דערפאַר — די צעפּלייצטע גוואורע אין זייערע גופים
און דערפאַר — דער רויער קויעך אין זייערע מוסקלען
און דערפאַר — דאָס קאָכעדיק בלוט אין זייערע אָדערן
און דערפאַר — דער פלאַמענדיקער פּראָטעסט אין זייערע אויגן;
אָט-אָט — און הענט וועלן האַמערן דעם טויער,
וועלן שטורעמען די פאַבריק;
זייערע הענט — אַ צערוישטער וואַלד, וועט זיך אַ צעוויג-טון
און זיי וועלן אויפטרייסלען די שטאָט,
וועלן אויפברויזן די וועלט,
וועלן אָניאָגן מיט געוויטער
אויף דער אומגערעכטיקער, מיט פּיין - אָנגעזאָטענער ערד.

— 5 —

די כמאַרעס, ווי שוואַרצע צעיאָגטע פערד,
האָבן געאײַלט, איינע נאָך דער אַנדערער,
איבער די פלאַכע דעכער פון די מויערן
און דער רעגן האָט געפּלייצט אָן אויפהער;
דער ווינט האָט געריסן די נאַקעטע ביימלעך
און דער פאַרמיטיק, ווי אַ טריבער הארבסטיקער פאַרנאַכט,
האָט נאָך טריבער און פאַרוויינטער אויסגעזען;

אײַנגעניורעט אין אַלטן אָפּגעריבענעם מאַנטל,
דעם קאָפּ, באַהאַלטן אין אויפגעשטעלטן קאָלנער
און די הענט אין די ליידיקע קעשענעס, —
האָט ער זיך געשאַרט בײַ די צענעצטע ווענט,
ווי אַן איבעריקער מענטש אין שטאָט;
ער האָט אַלעמאָל אָפּגעטריבן די פינצטערע געדאַנקען,
וואָס האָבן פאַראַקשנט זיך געצויגן איבער זיין מויעך,
ווי אַן אומעטיקע צעלולויד-לענטע
און ווידער איז אים אַנטקעגנגעקומען אַ זאַטער אַלמאַסען,

אַ רעסטאָראַן, מיט רייצנדיקע רייכעס פֿון מאַכאָלים,
אַ קאַפֿע־הויז, —
כאַטש שטעל זיך אַוועק אַף דער טיר,
בייג זיך איבער אין צווייען,
שטרעק אויס די האַנט
און מאַך אַזאַ פּאָנעם, מ'זאָל ראַכמאָנעס האָבן... — — —

און ער האָט צו זיך אַ שמייכל געטון מיט גאַל,
מיט עקל צום געדאַנק אַליין
און ס'האָט אים אַזאַ װאָרעמקייט ארומגענומען.
ער האָט זיך ווייטער צוגעהערט צום פלייצנדיקן רעגן,
צו די לויפנדיקע ריטשקעס אין די שמוציקע ראַגעס;
ס'האָט זיך אים אַוועקגעשטעלט פאַר די אויגן
דאָס וואָרע בילד פון זיין אייגן לעבן:
זיין בוידעם־שטיבל אַפן זעקסטן שטאָק,
אָן פענצטער, אָן ליכט, אָן זון;
די ווענט, וואָס זענען טאָמיד ווילגאָטנע;
דער פאַרשטיקטער אומעט צעשוויגן אונטער זיי;
ער האָט דערזען זיין יונג־צעפּאַטערטע וועלט,
די עלנט־באַכערישע און איינזאַמע;

און ער האָט דערזען זיין אַלטע כאַרעווע היים,
וואָס זיפּצט אַ באַגראָבענע אין גרויל און אין בלוט;
זיין גרויער מאַמען, שוין מיסטאָמע אַף דער וועלט נישטאָ;
דעם איינציקן ברודער זיינעם — זיכער אַפן מילכאָמע פראָנט,
אין לעצטן קאַמף מיטן ברוינעם סוינע,
פאַר אַ וועלט —
אַ גערעכטיקע,
פאַר אַ וועלט —
אַ פרייע,
אַ פרידלעכע;

און ס׳איז אויפגעגאַן אַזאַ ליכט אין אים,
אַזאַ פריידיקער ציטער איז אַדורך זיין גוף
און אַן אויפגעשטראַלטער,
אַן אויסגעלייטערטער,
אַ דערוואַכטער אינגאַנצן, —
האָט ער פאַרשנעלערט זיינע טריט, הילכנדיקע און פעסטע,
ווי די טריט פון אַ מענטשן מיט אויפגעעפנטע אָרעמס צו דער זון,
אויסגעשטרעקטע צו דער ליכטיקסטער האָפענונג;
און ס׳האָט געזונגען מיט אים יעדער שטיין,
און די ביימלעך, האָט זיך אים געדוכט, וויגן זיך מיט געזאַנג
און ער אַליין —
מיט אויסגעגלייכטע פלייצעס און אויפגעהויבענעם קאָפּ, —
איז אויפגעגאַנגען, ווי אַ זוניק ליד,
ווי דאָס מענטשלעכע ליד פון ליכט און פון פרילינג —
אונטער די וויינענדיקע הימלען איבער דער טריבער שטאָט.

1941

פאַרוואָלקנטע לאַנדשאַפטן

אַווגוסט־נאַכט

די הימלען קאָרטשען זיך אַף די דעכער,
וויינען אַראָפּ איבער די ווענט
מיט נעץ און מיט אומעט.
די שטילקייט פרעסט זיך אין יעדן ווינקל,
דעכעט אין דער נאַכט אַריין
מיט קילן אויסגעלאָשענעם אָטעם.
אַפן טונקעלן גלאַנץ פון שאָסיי
רינט אַ רויטע שיין פון אַ שויב;
אַן אויפגעדראָלענע קאַץ מיט גרין־פייערדיקע אויגן,
יאָגט זיך נאָך די פלעקן ליכט,
וואָס גייען אויף און פארבלייכן.
אומהיימלעך־אָפּגעליידיקטע טראָטוארן
בענקען נאָך אַ שאָטן פון אַ לעבעדיק געשטאַלט.
אַף די דעכער קנוילן זיך די הימלען
און כלינען אַראָפּ איבער דרימלענדיקער שטאָט
מיט פייכטקייט און אומעט.

שטאָט פּאַרטאָג

אַף אַביימל הענגט דער לעצטער כאַלעם פון שלאָף.
הינטער אַ טיר, אַף אַ שוועל,
דרימלט און זיפּעט אַ צעשויבערטער קאָפּ
אַף אַ צעכראַסטעטער האָריקער ברוסט.
די העלקייט גיסט זיך אוים,
רינט אַריין אין לעצטן ראָגיקן טונקל,
די מויערן שיילן זיך העכער פון מילכיקן נעפּל.
די בלוילעכע ראַנדן הימל לעשן זיך,
ווערן דינער, צעשיטן זיך אַף שטרייפן
און פאַרבלאַסן, ווי דאָס שטערנליכט, איינציקווייז.
אַ מענטש, מיט טראָפּנס טוי אַפן קאָפּ,
שלייכט זיך הינטער העלנדיקע ווענט
און הוסט אין פרימאָרגן אַריין
זיינע ערשטע אויפגעוועקטע טריט.
אַ מילכוועגעלע, אַ פערד — אין אויפגעגאַנגענער פּאַ״ע, —
קרעכצט אַרוים פון אַ לאַנגן טויער
און ס׳קייקלט זיך נענטער דאָס האַרטע רייבן
פון שווערע הילכיקע רעדער.
אַף אַ ביימל הענגט נאָך אַל׳ץ דער כאָלעם
פון באַנאַכטיקן שלאָף.

אַ אידענע מיט מאַנים

דער לעצטער ראָזעווער דעמער-שטרייף
ציטערט אַף אירע שמאָלע פינגער —
ליכט וואָס לעשן זיך אין ווינט.
אין די קנייטשן פון איר בייניקן פּאָנעם
דרימלען לאַנגע האַרבסט-נעכט.
אַף איר ברייט-געבלימטן קלייד
שווייגן צוויי אויסגעדאַרטע הענט,
ווי אָפּגעבראָכענע צווייגן.
דאָס בלויע שטרוי-געפלאָכטענע קאָשיקל מאַנים
דרימלט לעם אירע פיס;
איבער איר אַראָפּגעלאָזענעם קאָפּ
הוידעט זיך אַ שאָטן,
ווי אַ טיפער אויפגעריסענער שלונג.
דער אָוונט פאַלט-צו איבער שטאָט,
ווי שווערער ראָלעט אַף אַ טיר;
אַ שנור אָנגעצונדענע בלענדיקע לעמפּ
צעוויגן זיך איבער גאַסיקן פּלאָנטער.
דאָס פאַרביקע קאָשיקל מאַנים דרימלט.
ס'דרימלען דער אידענעס בייניקע הענט,
ווי צוויי אָפּגעבראָכענע צווייגן.

1939

אַ מענטש אַף אַ פּלאַסע

אַף זיין צעקנייטשטן הוט שווימט די לעוואָנע.
פון זיין געבויגענער פּלייצע רינען זילבער־פּאַסן.
דעם קאָפּ אַף דער ברוסט — אָפּן, האָריק.
זיינע הענט — לאַנגע, מאַזאָליק — שטומען.
די פיס, ווי פון אַ טויטן — שטייפן.
לעם אים פון קלומיק, אין צעבונדענע עקן, —
שפּיצט אַרויס אַ ברויטל,
אַן איינגעביסענער רויטער עפּל,
ווי אַ צעבלוטיקט מויל.
אַף אים, אַף דער באַנק שיטן זיך בלעטלעך,
קופּער־רויטע פון די ביימער — אין האַרבסט.
דער ווינט טראָגט ווייט אַוועק דעם שטאָטרויש
און ווינט אין די ליידיקע אַלייען.
די לעוואָנע שווימט אַראָפּ פון זיין הוט
אַף אַ באַנק,
אַ בוים,
אַ וואַנט און פאַרגייט.
רוישיקער וויגן זיך די ביימער,
געדיכטער פאַלן די בלעטער,
טיפער קלאָגט דער ווינט,
שוואַרצער גליווערט זיין קאָפּ,
זיין שטייפער שטילער גוף —
אַ וועלט אַ גאַנצע אַן אויסגעלאָשענע.
זיינע הענט — נאָך לענגערע, שטרעקן זיך,
ציען זיך אין דער נאַכט אַריין —
איניינעם מיטן געוויין פון ווינט.

אַ פרוי מיט אַ בוך

אין ברייטן ראַם פון אָפענעם פענצטער
גאָלדיקט דער פּראָפיל פון אַ בלאָנדן פרויען־קאָפּ;
פון אירע קרויזן גייט־אויף אַ פרילינג
מיט שטילקייט און מיט שטורעם.
די רונדע בלויע קרעלן אַף איר האַלדז —
בלויען ווי דער הימל אין באַגין.
איר אויג אונטערן ברעם —
דיגער פענדזל־שטריך,
וויע — געדיכט און גלאַנציק, —
לויפט אַף די בלעטלעך פון אַ בוך.
דאָס בוך ציטערט אין אירע פינגער —
ראָזלעך־לאַנגע, דין נאָגל־שפּיציק
און רויט־פּאָלירטע,
ווי בלוט זאָל רינען פון זיי.
אין איר אויג וויגן זיך די שורעס
און יעדער אָס — פול אָנגעגאָסן,
ווי אַ קאָס מיט ווײַן.
אַ ווינטל צאַפּלט אַף איר ווייסער בלוזע,
דאָס זייד טוליעט זיך נענטער צו איר לייב,
די ברוסט שטייפט רונדיקער, יונגפרוילעכער.
אַ ווינטל פלאַטערט אין אירע קרויזן,
זיי פליען איבערן בלאָנדן שמייכל אַף איר פּאָנעם,
איבער די פינגער, איבערן בוך;
דער ווינט זינגט אַרויס פון די בלעטלעך
טיף אין איר לייב אַריין —
מיט ווײַן, מיט זומער און שטורעם.

1942

אַ פלאַסע אין האַרבסט

אַלטע ביימער, אָפּגעצוואָגענע, אָפּגעשאָבענע.
דורך דער אויפגעריסענער קאָרע
בלאַנקט זייער לייב, ווי מענטשלעך פלייש.
דער ווינט פליקט זייערע פאַרוויאַנעטע קעפּ.
אין שטילן געריש צאַפּלט זייער געוויין.
עטלעכע יונגע ביימלעך בייגן זיך.
וויגן זיך, ציען זיך איינס צום צווייטן, —
ווילן זיך אָפּרייסן און אַנטלויפן.
דער נידעריקער פאַרשטויבטער מאָנומענט
שטומט אין זיין טעמפּער שטייניקייט.
דאָס פאַרוועלקטע קרענצל בלימלעך,
ווי אַ צעשאָטענער שנור קרעלן אַרום פּיעדעסטאַל —
טראָגט דער ווינט אין די כמאַרעס אַריין.
אַ גרויע באַברילטע פרוי, אין אַ טרויער-שלייער, —
מעסט לאַנגזאַם אַ טראָט נאָך אַ טראָט.
דאָס געקרייזלטע הינטל מיטן שאָפּענעם קעפּל,
לויפט פאָרויס, האַווקעט פאַר לאַנגווייל.
די שמאָלע שטייניקע בענק קאַנטיקן,
שניידן זיך אין דער פאַרנעפּלטער ווייטקייט,
ווי קליינע קינדערשע מאַציייוועס.
אין די אַלייעס קלאָגט דער ווינט
און רייסט טיפער די קאָרע פון נאַקעטע ביימער.

אַ גאַס אין אַ פֿאָרשטעטל

צעגייט זיך א גאס — צוויי שטייניקע פּאָלעס,
מיט שורעם פלאַטשיק-דאַכיקע,
ווייס-געקאַלכטע נידעריקע שטיבער —
איינע אין דער אַנדערער צוגעוואַקסן.
אפֿן ברייטן פּלאַכן ציגלנעם שאָסיי
קנוילן זיך שאָטנס, ווי קודלאַטע הינט.
אַף אַ צעבויגענעם קאַסטן פלעקט זיך אַ קאַץ,
אַן אַלט-אַרויסגעוואָרפענער שוך.
אַ לאַמטערן מיט אַ פינצטער פּאָנעם, ווי אַ סאָווע —
גלאָצט און טעמפּט.
אַן אויפגעהויבענע בויד פון אַ דראָזשקע,
אַ בייניק האָרבאַטע פערדל —
דרימלט לעם אַ האַרבסטיק ביימל.
דער ווינט רייסט אַ פּאָרהאַנגל פון אַ פענצטער.
דורכן פענצטער קייכט געוויין פון אַ קינד.
דער טאָג כמאַרעט זיך, פאַרציט זיך איבער דעכער,
ווי אַ שווערע שוואַרצע בורקע.
די גאַס זינקט אין האַרבסטיקן אומעט.
בלויז די רינשטאָקן בולבען זיך;
ס'לויפן, ווי העשענדיקע שלענגלעך,
דינע ברודיקע ריטשקעס.

אַ מיידל אין אַ טויער

אַ טויער. זיינע ביידע העלפטן — טירן,
באַשלאָגן מיט ברייטע אייזן־פּרענטעס.
די פּרענטעס זשאַווערן.
די טירן — מאַכיקן.
אַ בלעכן שילדל, אָפּגעקראָכן און צעבויגן,
איבערגעדרייט אַף דער צווייטער זייט, —
קלאַפּט טויב אין ווינט,
שיט דין־דין דעם קאַלעך־שטויב
אַף אַ גרויענדיקן קאָפּ פון אַ מיידל
אַפּן ברייטן שוועל פון טויער — אַליין.
דאָס מיידל לייגט אין מויל אַריין מאַנים־יאָדערן,
בליקט שטאַר אין דער כמאַריקער גאַס אַריין.
די באַקן — בלייך;
אויגן — פאַרלאָשענע ליכט.
אין איר בלאָען ווייס־געפּינטלט קליידל —
פלאַטערט אום דער ווינט.
זי קייט מאַנים און טראַכט.
שטיל טראַכט זי;
שטיל ווי די גאַס, די גאַנצע וועלט —
פאַר איר און הינטער איר — שטילט.
אַ זאַקן אין אַ גרינער שאַל, אַף אַ שטעקן,
שליאַפּעט זיך אַפּן מיטן שאָסיי.
פונווייטנס רימשעט הייזעריק אַן אויטאָ.
דער טויער גרינט און מאַכיקט.
דאָס בלעכענע שילדל פליט מיטן ווינט.

1939

אַ פרוי אין האַרבסט

אירע הענט — צוויי וויינענדיקע פידלען,
הענגען אַף די שאָטנס פון האַרבסט,
ווי דער לעצטער בלייכער שטרייף פון טאָג —
וואָס שטאַרבט.
דורך אירע אויגן — שטילע שייבלעך פיין,
בליקט דאָס פּענימל פון אַ קינד
און ס'וויגן זיך הונגעריקע הענטלעך,
ווי צווייגלעך אין ווינט.
אַף אירע הענט אין נעפּלדיקן שיין,
בלעטערן זיך קאָלירטע טאָוולען פון אַלטע זשורנאַלן
וועגן אייביקן פרויען־רייץ־און־גליק
אין ליכטיקע הייזער, צעזונגענע זאַלן.
איר קוואַרער גוף — איינגעשניטן אין מויער,
פיבערט מיט מיזערנעם סענטיקן פאַרדינסט;
דאָס לאַנגע שוואַרצע קלייד —
פלאַטערט אַף איר, ווי אַ פאָן פון טרויער.
דער מורמל פון אירע שטילע ליפּן
רינט אוים אין שמייכל פון פרויען, הערן,
אין די פייערלעך פון טומלדיקע באַרן,
אין וויין, אין בלאָען רויך פון ציגאַרן.
דער ווינט בייגט די נאַקעטע ביימלעך,
קלעטערט אַף די גרויע ווענט;
דער ווינט מישט די בלעטער
און רייסט די זשורנאַלן פון דער פרוים הענט,
וואָס הענגען אַליין, ווי וויינענדיקע פידלען
אַף די שאָטנס פון שטאָטישן האַרבסט.

גרויע טויבן

אונטערן יוני־הימל, אַף אַ מויער־קאַרניז,
צווישן שטומע ווענט און קאַלטע שויבן, —
טוליען זיך אין קאַלטן פאַרנאַכט
גרויע טויבן.
אין אָפענעם ברודיקן הויף
פלאַטערן און שאָרשען אין ווינט
שורעם צעהאָנגענע שטייפע העמדער;
פונאונטן, אַף אַ שוועל, שפילט זיך אַ קינד.
דורך אַן אָפן פענצטער שויבערט אַ גרויענדיקער קאָפ
פון אַ שניידער — אַ אידישן פאָעט;
זיינע פאַטלעס קרויזן זיך, פליען,
ווי זיינע מאַכשאָוועס — העט־העט.
זיין אומעטיקער בליק בלאָנדזשעט אַף פרעמדע שויבן,
אַף די שטילע גרויע טויבן,
אַף די העמדער אין ווינט,
אַפן קליינעם בלאָנדן קינד.
הינטער אים — דעם שניידער און פאָעט,
שאָטנט אַ צימער, אַ ניי־מאַשין;
לעם ברייטן צעקנאַדערטן בעט
דרימלט אַ נאַקעטער מאַנעקין,
פאַרוויקלט אין אַ פייכטן פרעם־טוך
און אַף אַ טישל, אין שמאָלן ווינקל,
בלעטערט זיך, אין פאַרנאַכטיקן טונקל —
אַ ליכטיק בוך.
אונטערן יוני־הימל, פון די קאַרניזן אַראָפּ,
צעפליען זיך די טויבן אין אָנקום פון נאַכט.
נאָר דער ווינטיקער דיכטער־קאָפּ
שויבערט אַלץ אין פענצטער־ראַם פאַרטראַכט.

1942

אין אַ פּאַדערצימער

דער דרייפיסיקער ערדענער בלומענטאָפּ
אונטערן גלעזערנעם באַמאָלענעם דאַך, —
שטייט פּאַרוקט אין אַ ווינקל און כאָלעמט.
ווער ווייסט, וואָס ס׳כאָלעמט אין פּאַרנאַכט-שאָ
דער פּאַרוועלקטער בלומענטאָפּ;
עפּשער וועגן דער גרויער זקיינע
מיט אַ זאָק און ביינוול-קנויל,
וואָס ברענט, ווי אַ זון, אַף איר שוים
און ס׳טליעט מיט איר דער עלנט
פון דער זקיינעס לעצטע טעג.
אַפן גרינעם פּייסאַזש אין דער אָפּגעגילדטער ראָם,
ווי די בענקשאַפט פון אַ זוניקן זומער, —
גליען לעצטע פונקען פון שקיע.
אַף דער זקיינעס האַרביקער פּלייצע
שיט זיך דאָס אַש פון אַ ליכטיקן אָוונט.
די רעגנבויגנפאַרביקע קאַנטן פון וואַנטשפּיגל
פאַרגייען מיט פאַרנאַכטיקן הויך;
אַף זיין גלאַט-קאַלטן גלאָז
טונקלט דער בלייכער זקיינע-פּראָפיל,
וואָס גליווערט אין אַ צעגאָסענער געשטאַלט.
דער ערדענער בלומענטאָפּ אין טונקעלן ווינקל
טוליעט זיך צו דער שטיינערנער וואַנט.
די פאַרוויאַנעטע שטוביקע בלעטער
כאָלעמען פון ליכטיקער וואָר.

אַ פרוי אין פרימאָרגן

אין אירע ווייכע וואַרעמע פרימאָרגן-טריט
אַף די האַרטע קילע מאָזאַיק-טאָוולען, —
שטיקט זיך דאָס דינע קעלעכל געוויין
פון אַ נישט-געבוירן קינד.
אין אירע ברייטע טיפע שוואַרצאַפּלען,
ווי צוויי פינצטערע אָסיען-נעכט, —
ברענט דער לאַנג-אויסגעבענקטער באַגער —
צו באַמאַנונג.
אַף אירע ליפּן — צוגעלעגערטע קאַרשן,
וועלקט איר דרייסיקסטער פרילינג.
פון אירע שמאָלע היפטן
און אומרייפער ברוסט, —
ווייט דער אומענדלעכער אומעט
צו טייוועדיקע נעכט.
פון אירע צעקעמטע רויטלעכע האָר
העלט דער שניי פון יאָרן,
וואָס האָבן זיך קיינמאָל נישט דערוואַרט
אויפצוזוניקן אין פרייד.
אירע אָרעמס — צוויי האַרבסטיקע צווייגן,
פראַסטיקן מיט עלטער פון אַ מאַמען,
וואָס זי איז נישט געווען,
פון אַ באַבען, וואָס זי וועט נישט זיין.
נאָך אירע וואַרעמע פרימאָרגן - טריט
איבער די קאַלטע מאָזאַיק-טאָוולען, —
לויפט נאָך דאָס דינע געוויין
פון איר נישט - געבוירן קינד.

אַ פּאַלמע צווישן ווענט

אונטערן שמאָלן אַשיקן גרוי פֿון הימל
איינזאַמט און וועלקט אַ פּאַלמע צווישן ווענט,
שטייף־פֿאַרשלאָסענע טירן,
פֿינצטערע פֿענצטער.
אירע אָפּגעבראָכענע געלע צווייגן
הענגען אַראָפּ, ווי מידע אָרעמס.
יעדער בלאַט — אַ שווינדזיכטיק פּאָנעם —
צאַפּלט אַ טרונק זון,
אַ שלונג ליכט.
איר אַלטער שטאַם — אַ צעוואונדיקטער גוף —
שטילט אַרויס איר קלאָג
דורכן ביזן לייב אויפֿגעריסענער קאָרע.
דער פֿאַרנאַכט וויקלט איר אין שאָטן,
דורך דער שטילקייט שאָרשעט איר בענקשאַפֿט
צום וויטן זוניקן אָריענט.
אַף יעדן פֿאַרוועלקטן בלאַט ציטערט דער כאָלעם
פֿון אַ קלאָרן וואַסער־טייכל,
פֿון גרין־גראָזיקע ברעגעס,
פֿון בלאָ־הימלדיקן טראָפּיק,
פֿון מיסטעריעזע אינדישע נעכט —
אויסגעשטערנטע און הייסע.
אונטער די שטאָטישע טריבע הימלען
וועלקן דער פּאַלמעס צווייגן
און זיפֿצן אַראָפּ, ווי מידע אָרעמס.

1939

אַ צײַלעם אױפֿן װעג

אױפֿן שפּיץ פֿון הילצערנעם װעג-צײלעם
הענגט דער לעצטער זונשטרײַף.
אױפֿן קרום-צעשלענגלטן שמאָלן װעג,
װאָס פֿאַרגײט װײַט צװישן די בערג, —
טוליען זיך שאָטנס פֿון פֿאַרנאַכט.
די בערג — טונקל-בלאָע קאָנטורן,
צעשװימען, װי כמאַרעס, אין נעפּל.
דער הימל ראָזע.
דער הילצערנער צײלעם ברענט.
אַ באָרװעסע פֿרױ אין אַ געבלימטער שאַל,
קניט מיט צװײ אױפֿגעהױבענע הענט —
רױטע, װי פֿלאַמען.
די שאַל-פֿראַנדזן גליען,
גלוטיקן אױף איר טיף-געבױגענעם גוף.
שטיל גײט אױס איר טפֿילה —
אין רױטן באַרגיקן דעמער.
דער צײלעם װיקלט זיך אין שאָטנס.
די בערג װײַטערן זיך, פֿאַרשװינדן.
דער הימל טיפֿט בלאָ, טונקל-בלאָער,
װערט נידעריק, נידעריקער.
די הענט פֿון דער באָרװעסער פֿרױ שטאַרצן,
װי צװײ פֿאַרשאָטנטע לוכעס.

די ווייסע ראַנטשע

אַף דער הויכגראַזיקער לאַנקע הייבט זיך,
ווערט געדיכטער אַ מילכיקער נעפּל.
די ווייסגעקאַלכטע ווענט פון דער ראַנטשע
טרינקען זיך אין זון.
אין די פירעקעכיק־געשניטענע פענצטער
צאַפּלען דינע פאַנסענע פאַסיקלעך.
די אויסגעצויגענע· פאַרטראַכטע אַלאַמאַס
שטילן פאַרשניטן אין הימל אַריין,
ברענען אין לעצטן זונפלאַם —
ווי צעפלאַקערטע פאַקלען.
באַ אַ נידעריק־דראָטן פלויטל
דרימלט, קאָפּ אַראָפּגעלאָזט, אַן אייזל, —
דרימלט און כאָלעמט.
דאָס צעהאָנגענע וועש — שקאַרלאַט־רויט,
וויגט זיך מיט פייכטן האַרטן שאָרך.
אין דער אָפענער טיר שאָטנט אַ זאָקן.
די אויגן, אונטער ברייט־באַרשטיקע ברעמען,
זשמורען אין שיין פון דער שקיע־סרייפע.
זיין ליולקע רויכלט בלאָ.
די הענט, ווי צוויי העק, שווערן אַף זיינע קני.
די קליינע שייבלעך ווערן טונקל,
ווערן פינצטער.
די הויכע אַלאַמאָס שוואַרצן פאַרלאָשן.
די ראַנטשע שווימט אין נעפּל.

אין גרינעם טאָל

די געדיכט-צעבליטע קוסטעס ליכטיקן.
ראָזעווע שיין, ווי אין אָנגעצונדענע לאַמטערנס.
די בלעטלעך, דינגעדרייטע צווייגלעך,
גלימערן, ווי א קלומפּ גלי-ווערעם.
צווישן די שיטער-רויטלעכע שטיינדלעך
קוועלן בלאָע סטרומיקלעך וואַסער,
לויפן רוישיק לאַכנדיק אַוועק,
ערגעץ-ווייט אַוועק — אַהיים...
דאָס זונאָפּגעברענט גראָז גאָלדיקט.
גאָלדיק די צעשאָטענע ראַנטשעס
אין דער שטילער גרינטאָליקייט.
דאָס טייכל — אַן אָפן בלאָ אויג,
פאַרלויפט מיט א ראָזעווען הייטל.
עטלעכע ווייסע קאַטשקעס טשוכען זיך, —
א פאָך מיט די פליגל, טשוכען זיך.
די ראַנטשעס פאַרציען זיך אין בלאָלעכע רויכן.
איבערן טאָל קריכן אָן שאָטנס, ווי בערג.
דאָס טייכל בלאָט ווידער, ווי אַן אויג.
די נידעריקע קוסטעס פינצטערן.
דאָס זונאָפּגעברענט גראָז גראָט.
די סטרומיקלעך וואַסער רוישן אייליקער,
אייליקער אין טאָליקער דעמער-שטילקייט.

1940

אַן אַלטער פישער

אַפן בלויען וואַסער-פלאַך וויגן זיך איבערגעקערטע ראַנטשעס,
און אויסגעשפּאַנטע סולקע אַף צוויי הויכע רעדער
און גרינגע קעפּ פון שורעם יונגע קוסטעס.
אין אַ שיפל — האַלב אַפן ברעג, האָרביקט אַ צעבויגענע פּלייצע.
אַף דער פאַרוים-אויסגעשטרעקטער האָריקער האַנט
ציטערן די אָדער-קנופּן, ווי גראָבע שטריק,
ווי ס'ציטערט דער דינער פאָדעם פון דער ווענטקע.
אין זיינע פאַסמעס וויים-גרויע האָר זילבערט די זון,
דאָס בלויע רויכל פון דער ליולקע דרייט זיך ווי אַ שלענגל.
דער ווינט הוידעט דאָס שיפל, רודערט און פליעסקעט
און גליטשט זיך אַלץ פון ברעג אַראָפּ אין וואַסער.
די אַלטע פלייצע פון פישער האָרביקט זיך רונדיקער,
דאָס רויכל פון דער ליולקע קרייזלט זיך ברייטער.
פון די הויך-איבערגעבויגענע וואַסער-גראָזן שווימט אַרויס אַ שוואַן,
דאָס וואַסער שטרייפט זיך, רינגלט-אויף אין רייפן;
דער פישער וואַרטשעט, דער ליולקע-רויך — בלויער, געדיכטער.
די זון וויגט זיך צווישן דינע וואַטענע וואָלקנדלעך,
אַפן גרינעם ברעג פאַרלויפן און אַנטרינען שאָטנס.
אַף דער האַלב-רונדיקער פלייצע פון אַלטן פישער
דרימלט די נאָכמיטיק-זון מיט צעשויבערטע שטראַלן.

ערעוו שטורעם אין סאוסאל

די בלויע טייך-סטענגע האָרבעס זיך,
קאָרטשעט זיך אונטער די נאַקעטע שטיין-ברעגעס,
וואָס גרויען און שווייגן.
די סאוסעס — גרינפראַנזיקע,
צעשויבערטע זקיינים-ביימער,
געבויגן ביז אַראָפּ אין די ווייסע זאַמדן, —
וויגן זיך אין רויש, וואָס לויפט איבער פון בוים צו בוים
און פארשטילט אין די ווייטע בערגיקע פליינען.
דאָס שאָרשען פון די גראָזן כאַפּן אויף די קוסטעס
ביז צו די ווילד-שטעכיקע עספיניזשאָס,
וואָס צעמורמלען זיך הארט און טרוקן.
די זאַמדן קלייבן זיך,
הויבן זיך אויף,
דרייען זיך,
שיטן זיך אפן בלויען שפּיגל פון דער טייך-לענטע,
וואָס גייט-אויף אין וואַסער-רייפן, אין ספּיראַלן.
אַ באַמאַכטער פּרוכנער פּניאַק טונקלט,
קרעכצט, רייסט זיך פון די אַלטע וואָרצלען,
וויל אַנטלויפן, באַהאַלטן זיך.
אַ יונגע שלאַנקע פּאַלמע, אַליין צווישן אַ באַרג-שפּאַלט, —
בייגט זיך אין ווינטיקן אָטעם ביזן הארטן שטיין
און פייפט מיט דינעם שאַרפן געוויין.
איבערן לעצטן שטיקל בלוי פון הימל
פאַרציען זיך געדיכטע גרויע גריוועס,
צעפלאָכטענע שוואַרצע צעפּ;
הינטער זיי רודערן די שווערע רעדער פון שטורעם.

לעוואָנע איבער נאָנאָ

די קעפּ פון שלאַנקע אַלאַמאַס — ליכטיקע מענוירעס,
שווימען אַפן שפּיגלדיקן פלאַך פון אָזיער,
צעריזלט אונטער צעבליאַסקעטע שטיינדלעך,
מאַכיקע בערגלעך, פאַרשלאָפענע קוסטעס
און גיסט זיך אַראָפּ מיט שטילן געפּליעסק
העט-ווייט אַוועק אין די שטייניקע באַרגאַראָפן.
די הויכע אַלגאַ-גראָזן — זילבערנע רעצועס,
בייגן זיך און זינגען ווי טאָמיד.
די לעוואָנע הוידעט זיך אַפן ציילעם פון דער קאַפּיליע,
אַף אַ געפלאָכטענעם פּלויט,
אין אויסגעשפּאַנטן וואָגן,
אַ צעהאָנגען העמד,
אין אַ פאַרגליווערט ריטשקעלע.
דער שמאָל-צעשלענגלטער וועג מיניעט זיך.
די דין-צעשאָטענע זעמדלעך גלימערן.
האַלב אין בלענדיקן זילבער, האַלב אין שאָטן, —
דרימלט אין בלימלעך-באַזוימטע אַלייען —
אַ קליינע פלאַסע, ארום איר — ווייסע הייזקעס,
ווי קליינע קינדערשע מאַצייווען.
פון די רונדיק-אויסגעלאָשענע לאַמטערנס
רינט אַראָפּ דאָס קילע ליכט פון דער לעוואָנע.
דורכן נעפּל איבער בערג און פינצטערע טאָלן
שניידט זיך דאָס גיריקע געשריי פון קאַראַנטשאָ —
דעם אייביק-הונגעריקן נאַכט-וועכטער.
אַ הונט וואו בייזערט זיך, וואָיעט צעצויגן.
און שטעקשיך שערוועט זיך די נאַכט איבער נאָנאָ.

זונפאַרגאַנג באַם טײַך

דין־דורכזיכטיקע וואַטענע כמאַרעלעך,
ווי אַ לאַנגער שוואַנען־קאַראַוואַן,
שווימען שטיל אַפֿן ראָזעווען הימל —
איבערן טיפֿן בלאָ פֿון פֿאַליענדיקן וואַסער
און צערינען איינציקווייז אַהין, אַהין,
וואו טײַך מיט הימל גיסט זיך צונויף
אין אַ ווייטע בלאָע אומענדלעכקייט.
דער טײַך פֿאַרבט זיך.
ראָז. העל־ראָז. טיף־ראָז. רויט.
די איינציקע צעוואָרפֿענע ביימלעך — ברענען,
גליִען קאָפּ־פֿאַרטוליעט אין פֿלאַמיקן וואונדער.
די כוואַליעס באַוועגן זיך שנעל און שנעלער.
קאָרטשען זיך און ברעכן זיך,
לויפֿן איילנדיק, שוים־פֿאַרכלינעט, צום ברעג,
פֿאַלן צוריק רוישיק, צעגיסן זיך
און האָרבן זיך אין הויכע וואַסער־בערגלעך.
דער הימל קלאָרט זיך. טיף ראָז, שאַרלעך־רויט.
דאָס וואַסער בלאַט. טיף־בלאָ. גראַנעט־בלאָ.
אין געדיכטן גראָז לויפֿט אום אַ ווינטל.
אַ צעבליאַסקעטער לעוואַנע־כערף,
ווי אַן איבערגעקערט גאָלדן שיפֿל, —
וואַקלט זיך אַף די זידיקע כוואַליעס.

1941

אינהאַלט:

מיין וואונדערלעכער דאָר

	זייט
ם טרויעריקע ליד פון מיין מאַמען	9
באַלאַדע פון פינפהונדערט קעפּ	13
באַלאַדע פון דער געשאָכטענער שטאָט	16
באַלאַדע פון פינף טליעס	19
באַלאַדע פון רויטן שניי	23
באַלאַדע וועגן הילצערנע צלאָמים	27
ס ליד צו כּאַרקאָוו	30
בלאַנקענדיקע שינעס	32
ס ליד פון מיין אידיש בלוט	34
ין וואונדערלעכער דאָר	36
ד רויכיקן נעפּל	38
ט לייב און לעבן	40
פּטעמבער 1939	42
ואנג צו אַרל ווערגעלים	45
ן מיין גרויסער שטייניקער שטאָט	49

דער כּאַלעם פון ברויט

באַלאַדע פון לעצטן גאַנג	57
	זייט
דאָס ליד פון פּראָסטן מאָנטיק	60
דאָס ליד פון א היימלאָזן	63
דער כּאַלעם פון ברויט	66
די באַלאַדע פון באָרוועסן מאָן	69
די באַלאַדע פון צייטיקע טרויבן	72
די באַלאַדע אין דעמער	75
קנאָספּן פון ווייטיק	78
דורך קאָשמאַרנע נעכט	80
נאָקטורן	82
באַם באַרג טשאַמפּאַקי	86
מיינע זונפאַרבענקטע פענצטער	84
סאָנטאַ־פע (פּאָעמע)	88
א מענטש אין באַגין	94

פאַרוואָלקנטע לאַנדשאַפטן

אווגוסט - נאַכט	107
שטאָט פאַרטאָג	108
א אידענע מיט מאַנים	109
א מענטש אַף א פּלאַסע	110
א פרוי מיט א בוך	111

	זייט		ז יי
אַ פלאַסע אין האַרבסט	112	אַ פאַלמע צווישן ווענט	19
אַ גאַס אין אַ פאַרשטעטל	113	אַ ציילעם אַפן וועג	20
אַ מיידל אין אַ טויער	114	די ווייסע ראַנטשע	21
אַ פרוי אין האַרבסט	115	אין גרינעם טאַל	22
אין אַ פאָדערצימער	117	אַן אַלטער פישער	23
גרויע טויבן	116	ערעוו שטורעם אין סאַוסאַל	24
אַ פרוי אין פרימאָרגן	118	לעוואָנע איבער נאָנאָ	25
		זונפאַרגאַנג באַם טייך	26

דאָס בוך איז געענדיקט געוואָרן דרוקן
30־טן נאָוועמבער 1942 אין דרוקער
„אָפּטימוס", פון קראַס־לאַווסקי און
סינאַי, — בוענאָס איירעס,
וואַלענטין גאָמעז 2719